STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03152

FENSTER IN HIML

Jesia Yerusalimsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיה יערוסאלימסקי

פענסטער אין הימל

לידער, פאעמען
און פאבלען

פארלאג "ירושלמי", ברוקלין, נ. י.
1950

WINDOWS IN THE SKY

Poems and Fables

by

J. JERUSALIMSKY
(S. Jerome)

Copyright 1950 by

S. Jerome

1214 Union St. Brooklyn, N. Y.

מאלטאליט אין "ירושלמי" פרעסס

1214 יוניאן סט. ברקלין 25,נ.נ.

בלומען -
באהבת-נפש

פון זעלבן מחבר:

"די עטישע לערע פון די תנאים"
פארלאג "די פעדער" ניו יארק.
תש"ז

ערשטער טייל

שבת-קודש

קבלת שבת אין צפת

די זון רוקט זיך אלץ נעענטער צום מערב צאם,
און ברענט זיך אויס אינם אייגענעם פלאם.

מיט א הארץ פול מיט גאולה טרוים,
וואס רייסט זיך אין די הייכן ווי א בוים;
אין א ווייסן כאלאט אנגעטאן,
די אויבערשטע פאלע פלאטערט ווי א פאן;
מיט דערלויכטענע התגלות אויגן,
וואס גליען מיט פארבן פון רעגנבויגן;
אין דביקות און אין מיסטישן עקסטאז –
טרעט שלמה בן משה אלקביץ איבער די גאסן
פון צפת,
אויף זאמדיקע און פעלזן-וועגן,
דער "שבת-מלכתא" אנטקעגן,
און וועבט אין הארצן מיט גרויס התלהבות
א אומשטערבלעך ליד,
וועגן משיח בן דוד, וואס לאזט שוין הערן
זיינע טריט,
אויף אלע שטעגן און וועגן:

לכה דודי,־קום, מיין פריינט, דער כלה
אנטקעגן!
דערוואך, דערוואך פון דיין דרימל,
אין מזרח צינדט זיך שוין דער הימל.
שטיי אויף אין העלן ליכט באשיינט,
מיט גאט׳ס גלאנץ באקרוינט.
זאל דיין יובל־ליד זיך צעשאלן,
מיט זיין חדווה די וועלט באשטראלן.
לכה דודי, לקראת כלה,
פני שבת נקבלה!

צום קיניגס הייליקטום און קרוין-שטאט,
ווענט זיך גאט דערבארעמען מיט זיין גנאד.
דערוואך פון דיין שטויב,
ביסט ווידער צו לויב
ביי די דורכגייער פון טויער.

שטיי אויף פון דיין טרויער,
באַציר דיך אין די שענסטע קליידער, ישראל!
אַט קומט די גאולה, דער גלאַנץ פון אַמאָל,
וואָס טריפט מיטן געבענשטן טוי,
פונם "לעתיד־לבוא".
די גאולה וועט ברענגען בן ישי.
דוד, מלך ישראל, חי!
לכה דודי, לקראת כלה,
פני שבת נקבלה!

שויתי ד'

מיט א הארץ פול מיט צווייפל און פיין,
איז ישראל-סבא אין גאט'ס הויז אריין,
אין שחרית־געבעט זיך פארבארגן,
פארן פארנעבלטן מארגן:
אלקי,
ואלקי אבותי!
מיין גאט – וואס כ'האב דערפארשט דורך אייגענער
חקירה,
און דורך דער קבלה פון די אבות,
וואס ווייסט ניט פון קיין סתירה:
באדעקן זאל דיין חסד מיין פנים מיט שיין,
און מיין גרויסער פיין –
גרויס ווי דער ים –
פארטראגן זאל ווערן ווי א שפענדל פון שטראם.
ואני – און איך פון מיין זייט,
וועל ווי אלע גוטע און פרומע לייט
גיין אין דיינע דרכים.
"מה הוא רחום" –
אזוי ווי דו טוסט מיך איצט מיט דיין רחמים
בענטשן,
אזוי אויך איך וועל זיך פירן
מיט מיינע מיטמענטשן!

ער האט זיינע פייכטע אויגן צום "שויתי"
געווענדט,
דער אדושם האט זיך אין פייערדיקע אותיות
צעברענט:
איך האב מצרף געווען דיין ווילן צו מיינעם,
ווי דו, איצט, מיינעם צו דיינעם,
און ציען וועט ער זיך ווי א שירה קעמלען
אויף א ווייטן וועג,
אלע דיינע טעג.
ניין,
וועסט שוין מער ניט זיין אליין.
דיין געבעט איז אין די הויכקייטן ארויף,
האט זיך באהעפט מיטן ליכט פונם אין־סוף.
און עס שטראמט שוין די געטלעכע שפע אויף דיר,
דורך דער ברייטער הימלשער טיר.

כ'וועל זיך פון מיינע כמה לבושין אויסשיילן,
אז קיין שום מחיצה זאל אונז מער ניט אפטיילן;
נאר זיין וועט דער אור־אדושם
תמיד אויף דיין ברעם.
אזוי ווי איצט, פארן עמוד,
זיין וועסטו "לנגדי תמיד!".

פון פיין

ס'ברויזט מיין הארץ,מיין גייסט ווערט געפאלן,
די זון ווערט פארטונקלט,געמינערט אירע שטראלן.
איך האלט ביים אפבליען, ביים וועלקן און דארבן,
און וואס האב איך געזאמלט פון מיינע גיטער צום
ארבן?

די גאווה,אין הארצן ווערט ווי א געשלאגן הינטל,
די תאווה,די הייסע,ווי אין ארבסט דאס ווינטל,
דער שמייכל אויף די ליפן, ווי ביי א זקן דער
שטערן-
צו וועמען זאל איך זיך ווענדן,צו וועמען זיך
קערן?

אמת,ניט איינמאל געלונגן מיר פון דער נעץ צו
אנטלויפן,
ניט איינמאל געלונגן מיר דעם בית דין
אונטערקויפן,
דעם פסק-דין צערייסן און פארמיידן זיך די
גרעסטע צרות -
כ'האב אבער קיינמאל פריערט ניט פארדינט זיך
כרות.

איך בין באגאנגן א זינד, וואס קיין מענש וואגט
ניט צו באגיין,
וויי איז מיר,כ'בין ניט געווען גאנץ מיט זיך
אליין!
דער תהום אונטער מיינע פיס עפענט זיך, איך זינק,
איך פאל,
מיין נשמה ווערט געטראגן פון שווארצע מלאכים
אין כף-הקל.

זי פלאטערט ווי א טויב, פון אנגסטן און מורא,
דאס מויל געשלאסן, מיט בושה פארן בורא.
געווארפן פון איין עק וועלט צום אנדערן און
צוריק -
ווען צוגעבונדן צום כסא-הכבוד זי איז גאר
מיט שטריק.

אין שליחות

האָסט, אלמעכטיקער,מיך געריייניקט און פארבעסערט,
כ'זאל זעען דעם אמת אין זיין גאנצער פראכט;
זיך באוויזן צו מיר אין דער שטילקייט פון דער
נאכט,
און דעם פייער אין הארצן מיר נאך פארגרעסערט.

אונטערן דראנג פון דיין איבערפלאסענער מאכט,
גיין און ברענגען צום מענטשן דיין ווארט;
וואס האט אויף מיין צונג מיט מיינעם זיך געפארט,
און געווארט פאר דיין באפעל אומגעדולדיק
פארשמאכט.

האב גערעדט צו אים מיט די שרעקן פון דער צייט,
און די וואס זיינען אנגעברייט פאר אלע צייטן;
אז אין קעניגרייך פון אמת וועט דאס ווארט זיך
ניט בייטן,
און בלייבן וועט דער אמת אין נאענט און ווייט.

האב איבערגעגעבן דיין ווארט וואס איז שוין
געווען,
און דיין אמת וואס דארף אמאל ערשט געשען.

זאג ניט

זאג ניט:נישטיק און אן א זין איז דאס מענטשלעכע לעבן,
און אז צווישן מענטש און בהמה איז קיין חילוק נישטא:
טיף איז דער זין,דער חילוק גרויס,זיי זיינען דא,
זיי ליגן אין דעם וואס מ דארף דאס לעבן צוריק אפגעבן.

א נשמה א ריינע האט גאט,ברוך הוא,דעם מענטשן געגעבן,
און א ריינע דארף ער זי אומקערן,אן דעם מינדסטן פלעק.
דער גרויסער צווייפל קומט פון דער גרויסער שרעק,
וואס מ'האט די נשמה פאראומריייניקט ביים לעבן.

דער צדיק שטארבט ניט,זיין ליכט ווערט ניט אויסגעלאשן
ער לעבט אלץ אין די הויכקייטן,אינם געטלעכן שוים;
ווייל איינגעזעגנט האט ער דעם סוף אין פאראויס,
געהיט זיינע טעג,ווי זיי ווערן חרוב און צעדראשן.

געבענטשט איז דער וואס האט אונז דאס לעבן געגעבן,
און דער מענטש וואס גיט אריין א אינהאלט אין זיין לעבן!

אין שטייגן

עס זיינען ניט אזוי קלאר מיר די שבילי דשמיא,
ווי באקאנט מיר זיינען די וועגן פון ד'הי;
איך בין אבער אויך ניט א פרעמדער אין די הימלען,
עדות זאגן פאר מיר וועלן די נשמות פון די בני־
עליה.

נישט איינמאל האבן די גרויסע נשמות דארט
געטראפן
דאס ליכט פון גאט – מיין בענקענדיקע נשמה;
עס איז איר אבער געוועזן דערלויבט צו הערן
און צו זעען,
נאר שווייגן, ווי זי זאל זיין פון געבוירן
א שטומע.

ביז זי וועט נעמען דעם פליידערדויש אין האנט,
און בעור חמץ זיין דעם "מסית"פון הארצן־דירה,
און דאס ניט פאר זיבן טעג בלויז,ווי ערב פסח,
און זיך באוווארענען פאראויס מיט א שטר מכירה.

נאר ווען זי וועט ארויפשטייגן אין דער
אייביקער ליכטיקייט,
מיטברענגען זאל זי מיט זיך א צייכן,א רמז,
אז צו דעם וואס זי האט געבענקט,געפארשט
און געזוכט,
דערשלאגן זי האט זיך – צום פינטעלע אמת.

דאן וועט זי קריגן דעם כוח־הרשות,
זיך א הויב טאן צום הימל'ס העכסטער הויך,
און ארייננאסן אין גאט'ס חותם, וואס איז
כלו אמת –
איר פינטעלע אמת אויך.

אנוש איך יצדק

וואס קען העלפן דעם מענש דער פערל-פליִיץ פון לשון?
אז דאס גלאטע צינגל איז אויך דאס ווערק פון גאט'ס
האנט.
נאר אן בן אדם קאן דאס גלאטע צינגל האלטן געשפאנט,
באווירקן אפילו צו טאן אנדערש, ווי ער האט באשלאסן.

טיף, און אונטער דער הויט איז דעם מענשנס הארץ,
דאס אויג פון שטערבלעכן קאן אהין ניט דערגרייכן;
קען אויך ניט פארווארפן א נעץ – ווי א פישער אין
טייכן,
ניט באנעמען דעם חילוק פון פרייד ביז שמארץ.

דער מענטש איז געבענטש מיט אויגן צוויי, ווי ליכטער,
ער זאל זעען מיט זיי בלויז דאס וואס פאר דער נאז;
דאס הארץ איז אבער ניט קיין געהעפטענטער ארבוז,
און דאס אויג פונם בעל חי – א אונטערגעקויפטער ריכטער

וועט ער דאס שלעכטס פון זיין הארץ ניט ארויסטרייבן,
פאר זיין באשעפער גערעכט וועט ער ניט בלייבן.

איך וואלט דאך

פארוואס האסטו, גאט, מיך באשאפן א סגי־נהור,
און זאל גארן אזוי דיך צו זעען;
זיך באקענען מיט דיר, מיט דיינע העכסטע רוימען,
מיט דיין וועלט, וואס דו האסט מיך פון איר
פארטריבן –
און איך בין דאך דער עיקר פון אלע דיינע
טרוימען.

ס'איז דאך דיר קלאר ווי דער טאג,
ווי דער נויג פון צינגל פאר דער וואג,
אז כ'האב איינמאל א בלויען פויגל געזעען פליען,
אז כ'האב איינמאל א גאלדן גלעקל געהערט קלינגען,
און פון דאן אן, א לעבן לאנג,
הערט מיין נשמה ניט אויף צו זינגען.

און ווען איך אנטלויף אמאל פון ווארט און קלאנג,
מעלאדיעס זאלן מיך ניט פארפירן,
בעטען מיינע הונגעריקע אויערן מיינע אויגן דאן,
צו הערן דעם ריטם פון פארב און קאלירן.

על אחת כמה וכמה,
ווען דו וואלסט זיך מיט מיר כאטש איינמאל
איבערגעוואונקן –
מיין "קדוש" וואלט דאך א וועלט פארקלונגען!

זאג ניט

א,דיכטער פון "דער מתמיד" און "אין שחיטה־שטאט",
זאג ניט "אפגעהאקט איז מיין לעבנסליד" מיט דיין
מער דא ניט זיין:
דיין קול קלינגט איצט נאך שטארקער, דיין ווארט
נאך מעכטיקער,
און לויטער און ריין, ווי אויסגעשטאנענער וויין.

—"ברידער,האט איר פארגעסן דאס ליד פון שנאה
און פארניכטונג?"
נישטא איצט נאך איינער ווי דו וואס זאל אזוי
טרעפן אין ציל;
און נישטא "דאס אינגל מיט גאלדענע לאקן" וואס
זאל זיך וועלן אויסבארימען:
—"צי דען קען דער לייב פארגעסן זיין געבריל?".

—"ברידער, און דאס ליד פון נחמה און צוקונפט
ווייסט איר?".
קיינער פרעגט ניט קיין שאלות און פארשפארט איז
א ענטפער:
אונטער די גרינינקע ביימעלעך שפילן זיך ניט
משה'לעך, שלמה'לעך,
ציצית, קאפאטקעלעך, פאה'לעך זעט מען ניט מער.

"פארוואר, גראז איז דאס פאלק, אויסגעטרוקנט
פון זאפט",
א אפגעריבענע מטבע, אן א סימן פון איר יחוס;
"שווארצע מצבות אויף זייערע אייגענע קברים,
פארוואר, קליין איז דאס פאלק און געפאלן און
מיאוס".

א, דיכטער פון "ניט פון הפקר" און "מתי מדבר",
זאג ניט "אפגעהאקט איז מיין לעבנסליד" מיט דיין
מער דא ניט זיין:
דיין קול קלינגט איצט נאך שטארקער, דיין ווארט
נאך מעכטיקער,
דיין נבואה — אמת'ער: "און בלויז איך,צארטע טויב,
בין געבליבן אליין".

1950

עבודת הלב

ניין, ניט אויסגעטרוקנט האט דער קוואל,
ניט שוואך געווארן איז דאס קול:
אז ס'זינגט היינט קינד און קייט,
ווי קאן א דיכטער, וואס האט זיך געגרייט
פאר וואכן און חדשים,
ווי דער כהן גדול,פארן ארייננגיין
אין קדשי־קדשים.
געלייענט איוב,דברי הימים,
אויסגעהערט די רייד פון די תלמידי־חכמים.
צוגעשוואוירן:
"קיין זאך פון דער עבודה
וועט ניט גיין פארלוירן!".
געפארשט אין זיינע מעשים,זיי גוט באטראכט,
געזוכט חסרונות, אין שטילקייט פון נאכט;
און יונגע כהנים, געקנאקט האבן מיט די פינגער,
ס'זאל אים זיין גרינגער
דעם שלאף גובר צו זיין –
איידער ער איז אין היילקטום ארייין –
ווי קאן אזא זינגער גאר זינגען?
ווען די שלשלת'ן,וואס די משוררים ציקלן
זיין תפילה־בלחש פארקלינגען.

דאס ליד פון פדיון שבויים

(פון חסידישן מויל)

אויף זיין לאנגן וואנדער-וועג,
וואס ציען וועט זיך אן א ברעג,
מיטגענומען האט רעב לייב,שרה ס
כלים וואכנדיקע דריי;
אויסצולייזן די וועלט מיט זיי,
פון איר גרויסן ווייי
און פון אירע גרויסע צרות:
א שטעקן פון סאסנע האלץ אין האנט,
א טארבעלע,געמאכט פון היימישן געוואנט,
און א פושקעלע מיט שבת'דיקער שמעק-טאבעקע,
און געלאזט זיך אין דער לאנגער שטרעקע.
מיט די צוויי עקן
פונם שטעקן,
אפגעשראקן די בייזע געמיטער צווישן מענשן.
און עס ווערט דערציילט:
ער האט זיי פון דער מחלה אויסגעהיילט,
ווי ער זאל זיי מיט זיין ברכה בענטשן.
אין דער טארבע איינגעזאמלט,מיט א ערדענע שאל,
די טרערן און יסורים פון פאלק ישראל;
און פון דער שבת דיקער שמעק-טאבעקע –
נישקשה,ס וועט פאר אלעמען קלעקן –
געלאזט האט ער שמעקן
יעדן גוטן שכן,
וואס לעכצט נאכן ריח פון בטחון,
און יעדן מידן,
וואס לעכצט נאכן ריח פון ליבשאפט צו אידן.

אויפן וואנדער-וועג

אין א שטילן זומער-פרימארגן,
ווען די גאנצע וועלט הויבט אן איר גרויסע
זארג צו זארגן,
דערזעען האט לייב שרה'ס פאר זין דאס גרינקייט
פון די פארמאכטע וועלדער,
און דאס גינגאלד פון די אפענע וועלדער;
האט ער זיך אוועקגעשטעלט צווישן די סקירדעס
מיט ברויט,
און גענומען גראמען "ברויט" מיט "נויט":

זע נאר,האר פון דער וועלט!
ווי שווער עס קומט דעם מענשן
אן,
דיר ברכת המזון בענטשן,
זיך צו פארזארגן מיט דער בידנער אכילה זיינער־
גאט מיינער! –
ער מוז אקערן און זייען,
שניידן, מאלן און באקן,
האלץ האקן.
איז דען דעם מענטשנס הונגער פאר פרייד
ניט גרעסער און וויכטיקער פאר ברויט?
און וואו ליגט דער זינען,
צי מוז ער דען אזוי שווער הארעווען
די דאזיקע פרייד צו געפינען? –
זי וואלגערט זיך ממש פאר זיינע פיס –
אט נעם און הויב זי אויף מיט די הוילע הענט
און גיב א ביס –
ס איז נאר אין דיר געוועלנדט!
לייב שרה׳ס האט זיך צעוויינט פון יסורים־
צוואנגען,
און זיך געלאזט אין וועג דעם לאנגן,
איבער ווייטע ישובים,
מקיים זיין די מצוה פון פדיון שבויים.

די ערגסטע תפיסה

צו א אידן, א בעל גוף, וואס האט זיך
אויף איינעם
פון זיינע שכנים
שטארק באקלאגט,
האט לייב שרה׳ס דאס מויל מיט דער האנט
פארשטעלט,
און אזוי געזאגט:
עס זיינען פאראן דריי מינים תפיסות
אויף דער וועלט.
ס׳איז צום גאפן!
אין תפיסה האט גאט,ברוך הוא,באשאפן,
ווען ער האט ארייגעזעצט די נשמה פון מענשן
אין דעם זינדיקן גוף זיינעם,
ווי מיין נשמה אין מיינעם.
דאס הייסט יצירה!
מילא, מן הסתם איז עס צוליב בחירה.

נא,
און קלייב זיך אויס בין טוב לרע!
די צווייטע תפיסה אויף דער וועלט,
האט שוין מלכות אויפגעשטעלט:
צו באשטראפן דעם מענטש פאר זיינע זינד
בין מענטשן-קינד ל׳מענטשן-קינד.
מען מוז דאך אויף זיך מקבל זיין
מוראה של מלכות אויך,
דאס איז דאך איר גאנצער כוח!
די דריטע תפיסה האט שוין דער מענטש אליין
געמאכט,
און ער האט זיך גארניט פארטראכט
אז ער פארשפארט דעם ליטערן קוואל פון
גוטסקייט,
אין דער טיפעניש פון זיין הארץ,
מיט די טרוקענע שטיינער פון זיין שכל השקר,
וואס איז ווי די נאכט שווארץ.
דערהערענדיק דעם צדיק׳ס הייליקע רייד,
האט דער בעל גוף זיך צעוויינט פון חרטה-פרייד.
און לייב שרה׳ס, מיט פרייד געזאגט
א באניטער
איז געגאנגען ווייטער
אינם וועג,דעם לאנגן.

א באגעגעניש מיט א פאסטוך

ער האט בנפשו ליב געהאט וועלדער,
און באארבעטע פעלדער,
פייגל,טייכן און בלומען,
אפילו דעם לשון פון מאכיקע שטיינער
האט ער באנומען.
אבער באזונדערס זיינען אים געווען ליב און
טייער
די פאסטוכער אויף די גרינע בערג, ארום דעם
פייער.
האט ער איינמאל אפגעשטעלט א פאסטוך,
און אזוי,אונטן ארום געטאן פיי אים א זוך
דעם שליסל צום אין-סוף:
– צי ווייסטו ניט, פאסטוכל,מיין קינד,
וויפיל דער זייגער איז אצינד?
האט דער פאסטוך אויפגעהויבן די אויגן
צום טיף-בלויען הימל ארויף:

-איך ווייס ניט, גוטער מענטש!
ווען די זון גיט איין וואונק בלויז,
פיר איך די שעפסן צו דער פאשע ארויס;
און אז די זון פארקלענערט איר שיין ־
פיר איך די שעפסן צוריק אין דארף אריין.
– און צווישנצייט וואס טוסטו,פאסטוך?–
און לייב שרה׳ס האט א גלעט געטאן אים
איבערן קאזשוך.
-גארנישט טו איך,"דיאדינקא",גארניט,
גאט באהיט!
איך ליג מיר מיט דער דודקע אין מויל,
און איך פייפל דאס געזאנג מיינס,אויפן קול.
האבן זיך בשעת מעשה ביי לייב שרה׳ס געשטעלט
טרערן אין די אויגן,
און ער איז געווארן צום פאסטוכל נאך מער
צוגעצויגן:
געבענשט זאלסטו זיין,גאט׳ס קינד!
דו ווייסט אפילו ניט פון אדם הראשונ׳ס
זינד,
און די צייט האט אויף דיר אויך קיין
שליטה ניט,
מיט
אירן געלויף –
און ווער ווייסט,צי ליגט ניט אין קעשענע
דער שליסל צום אין־סוף...

וואס איז אזוינס צייט?

וועגן צייט
און וועגן גליקזעליגקייט,
האט ער פאר זיינע מקורבים
ארום אים
דעם ענין מסביר געווען בזה הלשון:
-וואס איז דא צו שמועסן!
דער מענש לעבט אפ א לעבן לאנג
און אין מוח פיקט א געדאנק:
דאס גאנצע לעבן – א קאצן־שפרונג!
און די צונג
הערט גאר ניט אויף זיך צו באקלאגן.
איז דען זיבעציק יאר א שטרוי אין וואגן?
טא וואס איז אזוי דער פארדראס?

און אז די בהמה,להבדיל, לעבט פיל קירצער –
איז וואס?
ווי לאנג לעבט דען דער מאיאווער זשוק,
און די פליג?
כאור הבוקר אין איי־עלע געטאן א פיק,
און אין אוונט שוין אויסגעהויכט דעם לעצטן
אטעם־צוק.
טא פארוואס זאל מען האבן א טענה צום גורל־שווערד,
וואס די השגחה באשערט?
און צו וועמענס טרערן
זאל זיך זיין ליבער נאמען צוהערן?
זיין האנט ליגט דאך אויף אלץ,וואס געווען
און וואס דארף ערשט געשען!–

ער האט א זיפץ געטאן און ממשיך געווען:
"אז דער עיקר איז דאך ניט די צייט,
נאר דאס גליקזעליגקייט
וואס מען האט,ווען מען איז גאטס געבאטן מקיים.
צייט,איז א פארבלענדעניש,
אן אחיזת־עינים.
האט מען מעשים טובים פיל –
טוט מען זיך אפ פון דער ערד שא־שטיל –
בשתיקה;
אז מען איז זוכה,
איז אפילו בנשיקה.

דאס ליד פון די פיר מבקשים

פיר זיינען אריין אין פרדס,
באפרידיקן די תביעות פונם חקירה׳דיקן שכל;
דאך דארפן די שטיף־שוועסטער — חקירה און תורה
הויזן אין אחדות אין איין היכל.
בן־עזאי,בן־זומא,
אחר און רבי עקיבא.
דריי נאך אן סמיכה,
איינער — מיט "רבי" שוין באקרוינט.

פתח ר׳ עקיבא:זייט וויסן,
אז דער פרדס איז ווי אן אפותיק
פון סמי־רפואות.
מאכסטו דעם מינדסטן טעות,
א הארעלע אריבער דעם לויט —
ברענגט דאס שוין ניט די געוואונטשענע רפואה,
נאר גאר דעם טויט.

הערט־זשע,ליבע חברים,דריי:
דער אל־שדי
טיילט ניט אפ פון זיך קיין מעשר,
און ווען די שכינה וועט אין אירע פלאמען־פייער
א פלאקער טאן אויף אייך,
זאלט איר ניט אפטרעטן אהינטער
און שרייען "וואסער,וואסער"!
ווייל די וועגן פון די צוריקקערערס
האט גאט פיינט,
ער טוט זיך ניט באהעפטן אין אים,
ווי דער פיינט אינם פיינט.
אויך דער וואס איז א "עומד" —
וואס שטרעבט ניט און שטייט אויף איין ארט,
ער וועט ניט דערגרייכן אפילו קצת מהקצת,
פונם פארהוילענעם געטלעכן ווארט.
און מאכט זיך נאך ווער פאר אן ערל־שפתים,
און באניגונט זיך מיט שריים —
ער וועט קיינמאל ניט זוכה זיין צו ווערן
א גילוי־עינים.
נאר זיין זאל דאן אייער רוף,
צו דעם,וואס אין לו דמות הגוף:
ווייז מיר,גאט,דיין וועג,
און פיר מיך אין גלייכן שטעג!

תא-שמע!
ניט אומזיסט מאכט "חכמה" בתמורה "כח-מה" -
וואס איז דאס פאר א פארבארגענער און
פארהוילענער כוח,
וואס איז ניט מסוגל פאר יעדן מענשלעכן מוח?
ווייל טאקע באלד איז געבראכט געווארן
דער ערשטער אומבאוויליקטער קרבן:
בן עזאי האט א בליק געטאן און איז געשטארבן.
(ער האט אויך דארט געוואלט געפינען
אויפן "אחד" אן הסכמה,
און ווי א טויב, וואס פליט פון שלאג אוועק,
פארלאזט האט זיין גוף די נשמה.)
נאר גאט ווייל ניט אזא סוף.
אויף אים זאגט דער נעים זמירות ישראל,
תהלים,קוף-טית-זין, וואוו:
שווער איז אין די אויגן פון גאט
דער טויט פון די וואס היטן זיינע געבאט!

בן-זומא האט א בליק געטאן
און איז צומישט געווארן,
און מער צו גאט'ס שוועל ניט געקומען
אלע זיינע יארן.
(ער האט אינם פרוב ארויסצוקריגן סודות
פון די הימלשע מלאכים
ארויסגעפונען, אז א מלאך איז
מגלה טפח ומכסה טפחים.)
אויף אים זאגט דער קליגסטער פון אלע מענשן,
משלי,כף-הא,טית-וואוו:
ווער איז פאררעכנט א קלוגער?
- דער וואס זעט פאראויס דעם סוף!
האסטו געפינען האניק,
עס פיל ס'איז גענוג פאר דיר,
כדי זאלסט זיך ניט איבערזעסן
און נאך אפגעבן פאר דער טיר!

און "אחר" איז אן אנדערער פון דארט ארויס:
"קיצץ בנטיעות" -
ער איז פון אידישקייט אוועק -
און זיין נאמען איז געווארן פארן פאלק א פלעק.
(ער האט זיך אנגעשטויסן דארט
אויף א רמז פון סתירה,

און די"באוויזן" און די "ראיות"
האבן אים דערפירט ביז צו כפירה.)
אויף אים זאגט דער מקובל,
אין "שבע נתיבות", מים־בית, גימל,
אזוי ווערט אויסגערופן אין הימל:
דער זינדער,
גראבלט אין דער פינסטער ווי א בלינדער;
ער יאגט זיך נאכן פארפירערישן שאטן,
ביז ער ווערט ווי צוויי טראפנס אין אים
געראטן!

בלויז איינער, ר' עקיבא,
איינגעהילט אין א בלויען חלום
איז פון דארט ארויס בשלום.
(ער האט פארבראכט דארט מיטן מלאך רזיאל,
און געפילט אזא זעליקע רו;
און וואס דער מלאך האט אים מגלה געווען –
זיינען נאר יחידים ראוי דערצו.)
אויף אים זאגט דוד, דער מלך פון ישראל,
תהלים, כף־אלף, וואוו:
גלאנץ און שיינקייט, טוסטו, גאט,
אויף אים ארויף!

אנטפּלעקונג

(סאָנעטן-רינג)

האָסט מיר צוגעזאָגט, גאָט, אַז כ'וועל היטן דיינע געבאָט —
באַנעמען אַז דו און דיין ווילן איז איינס און אָן אַ
סוף,
אַז דיין גוטסקייט איז פאַראַן אַפילו אין דיין שטראָף,
אַפילו דער טויט איז טוב, נאָר פאַרהוילן איז דער סוד.

אַז דו באַזיצסט ניט קיין שום געשטאַלט צום זעען,
ווען די תורה באַנוצט זיך מיטן אויסדרוק "גאָטס-האַנט",
ווייל באַגרעניצט און אָרים איז דעם מענטשנס פאַרשטאַנד,
און דורך "לבושים חיצונים" וועט ער דיך בעסער
פאַרשטיין.

אַז כשוף-מאַכער און טרעפער זאָל איך אויסלאַכן,
אַז די חלומות-באַדייטער רעדן פּוסטע זאַכן,
אַז זייער טייטש איז פון פריערט נאָך אויסגעשטעלט.

נאָר דו אַליינער ווייסט דעם פּתרון און באַדייט,
דיין געטליכער בליק דרינגט אין דער ווייטסטער ווייט —
ניט אַפּטאָן וועט זיך דיין שיין פון מיין געצעלט.

ב

ניט אַפּטאָן וועט זיך דיין שיין פון מיין געצעלט.
ווי דער עמוד-האש באַלויכטן מיר מיינע טעג און נעכט;
מיין נשמה אַרומגערינגלט וועט זיין פון ליכטער-
געפלעכט,
און מיטן שיין פון דיין פּראַכטיקן גלאַנץ באַהעלט.

ווייל אַ נשמה אַ ריינע האָסטו אין מיר אַריינגעבלאָזן,
פון האַרץ און אויג ניט לאָזן זאָל זי זיך פאַרפירן;
די שווערע משא פון קערפּער זאָל איר רוקן ניט באַרירן,
דער געטלעכער פונק אין איר ווי אַ פייער זאָל זיך
צעבלאָזן.

כ'זאָל לערנען תורה און האָבן אויך אַ אַרבעט דערביי,
זאָגן דעם אמת און דערווייטערן פון זיך אַפּנאַרעריי,
דיין גרויסן נאָמען צעפּויקן איבער דער גאַנצער וועלט.

אנשטאט צו פאסטן בה"ב, שובבים און ת"ת,
געבן יעדן באדערפטיקן אפצועסן צו זאט –
איך האב פון דיינע מצות עשה'ס קיין איינע ניט
פארפעלט.

ג

איך האב פון דיינע מצות עשה'ס קיין איינע ניט
פארפעלט:
האב אויפגעשטעלט א משכן אין הארצן זאלסט רוען
אין אים,
דעם אש־דת אנגעצונדן, אויפן שלחן – דעם לחם־
הפנים,
און פאר דיין אהל־מועד –מאזני־צדק אוועקגעשטעלט.

גאנץ בין איך געווען צו דיין ווילן, אן א פגם,
געהייליקט מיין הויז, ס'זאל זיין הייליק צו דיר,
ווי דיין גרויסער נאמען אויפן ביישטידל פון מיין
טיר,
געלייטערט זיך ווי דאס גאלד וואס מ'ריינקט
אין פלאם.

געבענטשט דאס פאלק טאג איין טאג אויס,
געקריצט און געשריבן פאר אים "את השירה הזאת",
געאיינציקט דיין נאמען: "שמע ישראל,ה' אחד !

צום פרוכת אין דיין היכל האבן מיינע פיס
זיך ניט דערנענט,
אין מיין מחשבה אפילו ניט צערוקט אים האבן
מיינע הענט,
און אין דיינע לאו'ן ניט געמאכט דעם מינדסטן
טראט.

ד

און אין דיינע לאו'ן ניט געמאכט דעם מינדסטן
טראט:
ניט געגעסן פון פרעמדס אפילו אין מיין הונגער־
פיין,
געקניט פארן וואסערל און אפגעשטופט דעם כוס
מיט ווייַן,

און ניט פארגעסן, אז דער "שהכל" איז אויך פון דיין
גנאָד.

ניט געגאנגען אין די וועגן פון די פעלקער ארום,
די תורה פון פרעמדע געטער ניט ארויף אויף מיין ליפ,
געריייניקט מיין ווארט, ווי מעל דורך דער זיפ,
ביי מיר איז ניט געווארן פון פסולת ריין, געווען בין
איך שטום.

אין דער מדה פון רחמים זיך געקלאמערט מיט אלע
רמ"ח אברים,
ניט געבראכן מיינע שבועהות, ניט פארלייקענט מיינע
נדרים,
פאר מיין ארויסגעזאגט ווארט ניט פארהאקט האב איך
די טיר.

ביים מאס און וואג ניט געוואוסט האט די האנט פון
שרעק,
צוגעגעבן נאך אביסעלע, ביז אריבער דעם ברעג,
איך בין געגאנגען נאך ווייטער פונם שיעור.

ה

איך בין געגאנגען נאך ווייטער פונם שיעור:
ניט גערעדט דברי-חול, איינגאנצן געווען א שותק,
אין די דינים פון צדקה געבן אריבערגעשטייגט דעם
פסק,
פארן בעל חוב, איז יעדער טאג געווען שמיטה-יאר
ביי מיר.

ווען כ'האב געזען א אידן מיט דיין קרוין זיך
פוצן,
ניט אריינגעפאלן ווי א קנאי בין איך אין כעס,
ניט געזידלט אים, אז ער איז א "המאבד עצמו לדעת",
נאר שטיל געמורמלט האבן מיינע ליפן: יהי רצון!

דעם ערשטן געדאנק אין פרימארגן אפגעשיידט צו דיר,
אז וואו איך גיי און וואו איך שטיי ביסטו לעבן מיר,
ניט געשוואוירן ביי דיין נאמען, וועד רעדט נאך לשוא.

דורכגעגאנגען שלוש מחיצות אײדער כ'בין אריין אין
דיין געצעלט,
אפגעגאנגען שלוש פסיעות אײדער כ'האב זיך פאר דיר
געשטעלט,
געמאכט א קו לקו און א צו לצו.

ו

געמאכט א קו לקו און א צו לצו.
מיין שדרה האט זיך געבויגן ביים דערמאנען דיין
נאמען,
געווען גרייט אויף מסירת-נפש ביים ענטפערן "אמן",
אפגעהיט געווען פון א מחשבה זרה אפילו אין שלאף.

דריי גאנצע טעג ניט ארומגעגאנגען אן קריאת התורה,
אין מיטנוואך זיך ניט באניגונט מיט לייענען ביז
"שני",
אן א מנין – געזאגט צו דער וועלט:נברך אלקינו!
און בריך שמיה געזאגט מיט גרויס פרייד און מורא.

פון קיין זאך ניט הנאה געהאט אן א דאנק צו דיין
ליבן נאמען,
ווייל אלץ געהערט צו דיר,וואס איז זיס צום גומען–
און ניט חלילה פאר דער גרויסער שרעק פון שטראף.

נאך אײדער כ'האב אנגעגאסן דעם כוס האט דאס
הארץ שוין געזאגט א ברכה,
ניט געווארט פארן הייליקן שבת בלויז צוליבן
"שבתות למנוחה",
אויפגעשטעלט א גרויסן גדר ארום דעם לאו.

ז

אויפגעשטעלט א גרויסן גדר ארום דעם לאו:
מיך היטן אין מיין גיין און קומען צו יעדער
צייט,
מיך דינען און טראגן מיך צו דער הימלשער ווייט,
צום ליכט פון דיין גרויסן נאמען,אן א סוף.

כ'האב אנגעפילט דעם האלדז פון תלמיד חכם מיט ווייך,
ווען געגוויגט האט די זון זיך נידעריק,פלאמיק-רויט,
געגרייט צום טיש און געשטעלט פאר אים ברויט,
ווי געבראכט כ'וואלט בכורים אין בית המקדש אריין.

כ'האב געזעגן פון וואנען יעדע זאך איז געבארן:
פון "אין" אין "יש" דורך דיין ווארט פארוואנדלט
געווארן,
אז די זון איז גארניט אנטקעגן דעם ליכט וואס
שטראלט פון דיר.

איך האב מיט "לאו'ן" אויסגעראטן די גיפטיקע זאמען,
דעם גדר געהויבן ארויף צו די רוימען,
און אויף זיבן שלעסער פארשלאסן די טיר.

ח

און אויף זיבן שלעסער פארשלאסן די טיר.
ניט געטראכט וועגן זיך,נאר וועגן דעם כלל,
געגאנגען אויף מסירת נפש פאר יעדן ישראל,
און ניט געהאלטן מיינע מעשים פאר א ציר.

זיך אריינגעלאזט אין מסורה,ווי אין פארבן דער
פארבער,
באטראכט יעדן מנהג פון די פריערדיקע דורות,
ארומגעקרייזט זיי מיט אלץ נייע חומרות,
איינע שטארקער פון דער אנדערער און הארבער.

מיט אפענע אויגן יעדן ספק פון הארצן פארטריבן,
דורך דעם פארגלייכן – ביים פריערדיקן פארבליבן,
פון די ספיקות אפגעמעקט יעדן שפור און זכר.

פארבליבן אינגב פאר'כישופ'טן קרייז פון דער
הייליקער תורה,
זיך געקלאמערט מיט אלע חושים אין דער הארציקער
מסורה –
מיט דער צייט איז דער גדר געווארן העכער.

ט

מיט דער צייט איז דער גדר געווארן העכער.
הגבלות זיינען צוגעקומען, התחייבותן זיך
פארמערט,
פארגרעסערט פון די פריערדיקע נאך מער דעם
ווערט,
מיין "אני מאמין"איז איבערגעגאנגען ווי א
קידוש בעכער.

צו חקירה זיך באצויגן מיט א גרויסער מאס חשש,
ווייל תורת משה איז העכער פונם קאלטן שכל,
אירע עיקרים שטאמען דאך פון דיין הימלשן היכל,
קאפ סברות דערלייכטערן ניט משיג זיין די יסודי
הדת.

זיך פארלאזט אינגאנצן אויפן אמת פון אונזער
מסורה,
ניט געמאכט קיין פשרה צווישן חקירה און פשט
פון דער תורה,
אירע אותיות האבן זיך געשפרייט איבער מיר
ווי א פעכער.

מיין נשמה געשוועבט האט אויף ליבע-פליגלען
זיי אנטקעגן,
דער אמת זאל ניט אנטלויפן פון מיר מיט
זיבן וועגן:
מיט שווערע שטיינער פארשטעלט די לעכער.

י

מיט שווערע שטיינער פארשטעלט די לעכער:
דערשטיקט די געפילן אין זיך און די הארציקע
תביעות,
ווי נישטיקע גלי ווערימלעך,וואס לויכטן א
רגע בלויז,
זיי אפגעזינדערט פון הארצן,ווי מען באזייטיקט
פארברעכער.

ריינגעוואשן דאס הארץ דורך תעניתים און סיגופים,
נכנע געמאכט די זינד צו מיר און צו מיין ווילן;
האט די זינד גענומען אין הייליקייטן זיך הילן -
צעבראכן האב איך זי ווי אברהם זיין טאטנס תרפים.

ניט צוגעהערט זיך צום געבעט, ניט געהאט קיין
רחמנות,
פארשטאנען זיין מיין, דיינע פילשע כוונות,
וואס פירן סוף כל סוף אין שאול תחתיה אריין.

דער שטן שווייגט ניט, פארפאלגט מיינע טריט,
כ'מוז שטיין אויף דער וואך, אפהיטן דאס פינטעלע
איד,
אייזן שטארק מוז דער גדר מיינער זיין!

יא

אייזן שטארק מוז דער גדר מיינער זיין:
דאס שלעכטס און רשעות פון זיך פארטרייבן,
פון די מעשי־נערות זאל קיין געדעכעניש ניט
פארבלייבן,
ניט פירן זיי זאלן מיך אין אפגרונט אריין.

שטארקן כזאל דאס הארץ, ס'זאל אויסהאלטן קענען,
געוואוינען עס צו אומגליק, צער און פארדראס,
אויף יעדן קעמערל באזונדער ארויפלייגן א שלאס,
איינשטילן אין דעם דאס שטורעמען און ברענען.

זיך ניט פארלאזט אויף זיך אליין, אויף מיין
אנשרעקן,
ניט מיד געווארן זיינע מיינע הענט צו דיר זיך
שטרעקן,
רופן צו דיר נאך הילף, מיט פארבראכענע הענט.

מיין גדר איז געוואקסן, צו די שטערן ארויפגעגאנגען,
אז כ'האב שוין אליין צו זיין שפיץ ניט געקאנט
דערלאנגען,
צו שווער געווארן איז דאס געוויכט פארן פונדאמענט.

צו שווער געווארן איז דאס געוויכט פארן פונדאמענט.
דער עול פון דקדוקי המצות געווארן איז שווער,
ניט געקאנט אן אים קיין איינציקן טראט מאכן מער,
דאס גליק פון מיין היינט אין טרויער מיר פארקלעמט.

אויפגעהערט גלויבן אין דעם וואס מיינע אויגן זעען,
די מינדסטע פליג ניט אומשטאנד געווען צו אפטרייבן,
פון א מנהג ביז א הארבן דין – ניט געקאנט זיך מער
פאנאנדערקלייבן,
דיין וואונדערבארער שאפן ניט געזוכט מער צו
פארשטיין.

אנגעהויבן רעדן אויף שטום לשון, מיט רמזים און
משלים,
דעם אמת פארהוילן, ווי דער פתרון פארן בעל חלום,
פאר אויספירליכע דערקלערונגען צו קיינעם זיך מער
ניט געווענדט.

מיין ווארט איז געווארן פארבלאז און נישט
איבערצייגנדיק,
מיין טראט ניט זיכער, ווי געגאנגען איבער אן
אלטער בריק,
צעפאלן מיט א קראך זיינען זיך די פיר ווענט.

יג

צעפאלן מיט א קראך זיינען זיך די פיר ווענט.
ארויפגעצויגן אויף זיך גאר א אנדער הויט,
א טעם דערפילט און הנאה געקראגן פונם שטיקל
ברויט,
דאס אמאליקע פייערל אין מיר האט נאך שטארקער
זיך צעברענט.

דיין וועלט האט מיך אויפגענומען, אנגעהויבן
מיך באגריסן,
די זון העל שיינען, באלויכטן מיר מיינע טעג,
די שטערן – זיך טיילן מיט מיר מיט זייער פארמעג,
איך האב פון דיין וועלטל ערשט אנגעהויבן צו
געניסן.

דאס"נישטיקע" לעבן איז ביי מיר פארהייליקט געווארן,
אנגעהויבן צו ציילן די טעג און די יארן,
געזופט פון לעבנס־כוס מיט הנאה,ווי זיסער וויין.

זיך צוגעקוקט צום גרעזעלע,צום ווערימל אויף דער ערד,
באנומען זייער געזאנג, דעם יובל געשריי דערהערט,
צום ערשטן מאל דערזען האט מיין אויג דיין געטלעכן שיין.

יד

צום ערשטן מאל דערזען האט מיין אויג דיין געטלעכן שיין.
די וועלט דער זען אזוי ווי דו האסט איר באשאפן,
כהאב געעפענט די אויגן,ניט אויפגעהערט צו גאפן,
זיך געלאזט פירן פון דיר אין דיין פראכט־גארטן אריין.

נישט פאראן קיין ארט וואס זאל זיין ליידיק פון דיר,
נאר ווער איז אומשטאנד איבערצוטראגן דעם גלאנץ פון דיין געזיכט,
האסטו אפגעשוואכט דורך מחיצות דיין אומענדליך ליכט,
און דורך צמצום געעפנט דער וועלט'ס ברייטע טיר.

מיין התפעלות ווערט באגלייט מיט דער קלארקייט פונם פארשטאנד,
דאס געפיל און התלהבות פון הארץ ליגט אויך צו א האנט,
דורךביידן האט זיך אין מיר די גרויסע ליבע צו דיר דערוועקט.

מיין יראה און אהבה זיינען מיינע צוויי פליגל,
מיט וועלכע איך דערהויב זיך צו דיין געטליכן זיגל,
וואס האט מיט גרויס גנאד פאר מיינע אויגן זיך אנטפלעקט.

טו

האסט מיר צוגעזאגט, גאט, אז כ'וועל היטן דיינע
געבאט:
ניט אפטאן וועט זיך דיין שיין פון מיין געצעלט.
איך האב פון דיינע מצות עשה'ס קיין איינע ניט
פארפעלט,
און אין דיינע לאו'ן ניט געמאכט דעם מינדסטן
טראט.

איך בין געגאנגען נאך ווייטער פונם שיעור:
געמאכט א קו לקו און א צו לצו,
אויפגעשטעלט א גרויסן גדר ארום דעם לאו,
און אויף זיבן שלעסער פארשלאסן די טיר.

מיט דער צייט איז דער גדר געווארן העכער,
מיט שווערע שטיינער פארשטעלט די לעכער:
אייזן־שטארק מוז דער גדר מיינער זיין!

צו שווער געווארן איז דאס געוויכט פארן
פונדאמענט,
צעפאלן מיט א קראך זיינען זיך די פיר ווענט —
צום ערשטן מאל דערזעען האט מיין אויג דיין
געטלעכן שיין!

אין א שווערער שעה

(אוי לי אם אומר, אוי לי
אם לא אומר. ב"ב, פ"ט.)

האר פון פאלק ישראל'ס איך!
האסט געפעלשט אין אונז!
דיינע ליפן האבן הבטחות געמאכט:
"געבענשט זאל זיין דיין קומען!
פרייד אויף אלע דיינע וועגן,
פרייד אין דיין אינגעווייד.
דיינע ארומיקע – מענטשן-מלאכים,
זיי וועלן דיר קיינמאל
קיין בייז ניט טאן,
פרידן – ארום און ארום דיר!

צווישן בלומען וועט זיין דיין געלעגער,
און דאס אויג פון מארגנשטערן –
איבער דיין קאפ.
גרייט דיינע טריט, ישראל!
העכער הייב דיין קאפ,
שלום, שלום צו דיר!"

האר פון פאלק ישראל'ס איך!
דיין בענטשונג איז אונז
אויף א פארקערטן אופן
מקוים געווארן:
א יאך אויף אונזער נאקן,
וואס בויגט צו דער ערד –
און ישראל'ס געלעגער איז וואו?
– צווישן שלענג און עקדישן
אונזער וואוינונג.
שווארצע פליגל פון דער נאכט
געשפרייט איבער אונזערע קעפ,
און א תהום, א טיפער
פאר אונזערע פיס.
אונזערע שכנים האבן בלויז איין רצון:
אונז אומברענגען פון דער וועלט!

האר פון פאלק ישראל'ס איך!
האסט דעם פאלק ישראל
אויך לויב-לידער געזונגען:

"איך ווייס, דיין הארץ איז ריין –
א משכן, וואו גאט טוט רוען!
דיין גייסט איז לויטער,
דיין מחשבה – אין די אויבערשטע וועלטן,
און דיין גאנצע נשמה
איז אין די אייביקייטן איינגעוועבט.
באפרייען וועסטו די געפאנגענע פונקן,
וואס זיינען אין די וועלטן צעשפרייט,
און דערהויבן זיי צו גאט.
דעם הייליקן פייער אויפן מזבח
וועסטו אנצינדן,
און ער וועט תמיד ברענען;
קיין ווינט וועט ניט ביכולת זיין
אים אויסצולעשן.
דיין קלסתר־פנים
וועסטו אינם כסא־הכבוד איינקריצן,
און וועסט תמיד זיין מיט גאט!"

האר פון פאלק ישראל'ס איך !
אין וועלכע וועלטן שוועבט אונזער נשמה?
– אין די אפגרונטן פון אומריינקייט
איז אונזער נשמה,
און זי קוויקט זיך מיטן זאפט
פון שווארצער זינד.
איינגעוועבט איז זי
אין די ניין־און־פערציק טויערן
פון טומאה.
דער מזבח,
וואו דאס פייער דארף תמיד ברענען –
איז קאלט ווי אייז.
דער כסא־הכבוד, וואס מיר האבן געדארפט
מיט גאט אים טיילן –
איז אין זיבן שלייערן פון אבלות
איינגעהילט.
האר פון פאלק ישראל'ס איך,
האסט געפעלשט אין אונז !

1942

טויב איז דיין הארץ געווען

(נביאיש)

און דאס ווארט פון גאט איז געווען צו מיר,
אזוי צו זאגן:
מענשנקינד, דיין הארץ איז אין ווייטאג פארקלעמט,
פון דער בושה, וואס דיין פאלק האט מיך פארשעמט.
ווייש אויס פון אויג די טרער,
מיט הארץ פארנעם, מיטן אויער הער:
קריץ אויס ווערטער פון פייער און פלאם,
און רינען זאל פון זיי מיט גיפטיקן סם.
א עדות, אז אויך דאס מאל האב איך מיין הבטחה
געהאלטן,
ווי דאן, ווען איך האב דעם ים–סוף געשפאלטן;
נאר מיין פאלק וויל פון גלות זיך ניט באפרייען,
ווי–זשע קאן איך זיין קרוין ווידער באנייען?
דערום, אזוי האט געזאגט גאט דער האר:
וואו ביסטו, מיין פאלק, פון די "מה טבו געצעלטען?
זאל איך פארגיסן א טרער אויף דיר, צי גאר דיך
שעלטן?
–האסט נאכגעגעבן דעם שונא זיינע פארלאנגן,
און פון דיינע עלטערן אינגאנצן אוועקגעגאנגען.
אפגעווישט פון זכרון דאס געדעכעניש פון די
קליינע קינדער,
וואס זיינען געשלעפט געווארן צום גאז אויוון,
ווי רינדער.
דאס אבלות וואלקנדל אויפן פנים מיט זאמד
אפגעריבן,
און פארן שונא ארויפגעצויגן א שמייכל,
א ליבן.
דאס אש פון די קדושים מיט די פיס צעטראטן,
און דאס פייערל פון משיח פון הארצן אויסגעראטן.
זע, דער מארגנשטערן חידוש'ט זיך, קוקט פארגאפט
זיך ארום:
פארוואס יובל'ט ניט דאס פאלק, פארוואס איז דאס
שטום?
די וועגן קיין ציון פארלאזן – און ניט באטראטן,
און גאטס קול האט געדונערט מיט נייע געבאטן:
"קערט אום זיך, קינדער, צום צוגעזאגטן לאנד,
העלפט דערנענטערן די גאולה מיט דער אייגענער
האנט!"
און עס איז געווען אונטן, און עס האט געטאגט,
און קיינער האט "נעשה ונשמע" ניט געזאגט.

האסט גאטס קול ניט געהערט,ביסט טויב געווארן,
פונם שאלן ארום דעם גאלדענעם קאלב, דורך די
גלות יארן.
דער פרעמדער ווינט האט פארווייט דיך, דיין
ליכט אויסגעלאשן,
אינם גרעסטן פון דיר צאנקט א ליכטל פאר
א גראשן.
וואו ביסטו,מיין פאלק,אברהם,יצחק און יעקב׳ס
קינדער?
פארוואס הערט זיך נישט א שטורמשן שאלן אצינדער?
גאטס קול וועט צו דיר א צווייט מאל זיך ניט
אנטפלעקן,
זיין מעכטיקע האנט וועט מער דיך שוין ניט
וועקן.
גאטס ליכט וועט אין ציון פאר זיינע קינדער
זיך צינדן,
און דו וועסט צוביסלעך צווישן די פעלקער
פארשווינדן.
פארלירן גיין אן א שפור,אזוי ווי א שאטן,
ווייל טויב איז דיין הארץ געווען צו גאטס
נייע געבאטן!

1950

קידוש השם

ווען ר'שמעלקע קאריצער,דער קראקאווער רב
איז צום גאז-אוייוון געגאנגען,
האבן זוניקע שטראלן זיין פנים באהאנגען;
און ער האט געזאגט צו זיך אליין,
אזוי צו זאגן:
תא־חזי - קום און זע,
ווי קאנסטו זיך גאר באקלאגן?
אז ראשית-חכמה איז יראת הדושם,
און יראה פירט צו קידוש-השם,
און קידוש־השם איז דאך דער תכלת-פאדים,
וואס פארבינדט דעם בן־אדם
מיט קדשי-בריך-הוא.

און דאס אויג וואס איז צו די הימלען געווענדט,
זעט אפילו אין גאז־אויוון א סנא ברענען,
וואס ווערט ניט פארברענט.

הימל און ערד ווערן דאן ענג פארבונדן,
און פון איין ליכט צעצונדן.
און עס אנטפלעקט זיך פאר דעם,
אין זיין גאנצער פראכט,
דער סוד וואס צווישן טאג און נאכט,
וואס ליגט אין עתיק-יומן הייליקן נאמען
פארבארגן.
און בײדע וועלטן גיסן זיך דאן צונויף
אינם אין־סוף...

און עס געשעט דער גרויסער נס:
די נשמה,
וואס איז אין קערפערלעכן שטייג פארשפארט,
און רייסט זיך ווי א בלאט פון בוים,
וואס דארט -
פארגייט אין ביטול-היש.
און ציט זיך גלייך אין דער הויך,
ווי מזבח, זײלן־רויך.
לכן,
דאס וואס איך שליס זיך אן
אין די זעקס מיליאן,
ווערט ענג פארבונדן מיטן הימלשן טראן,
און ווערט געהייליקט דורך כביכול'ס נאמען.
אמן!

אין הרהורי תשובה

ס'פלאמט מיר דאס פנים פאר בושה, איך בין א חוטא
און א בוגד!
כ'האב ניט געטיילט דעם גורל פון מיינע צום טויט
פארפייניקטע ברידער;
און נאך שלושים — ניט געהאלפן משיח'ן ברענגען
די גאולה,
נאר זיך פארשפילט ווי א קינד מיט שפילעכלעך —
אין לידער.

קומען וועל איך אין טרקלין א נאקעטער און
א בארוועסער,
ווי וועל איך גאר קאנען קוקן דעם טאטן אין
די אויגן?
ער האט דאך מיט אזוי פיל בטחון פאר מיר ערוב
געוועזען,
מיט אזא פרייד און שטאלץ פאר מיר די הענט
אויסגעצויגן.

זיצן וועלן אלע זייניקע ארום דעם גן-עדן טיש,
דעם געדעקטן,
נאר איין שטול וועט זיין לער, דעם טאטנס
שטענדיק ארט;
און נאר דערפאר ווייל ער האט געגלויבט —
כ'האב זיך איינגעווארצלט,
און איך — האב געבראכן מיין שבועה, מיין
צוגעזאגט ווארט.

פירן זאל מען מיך, נאך ביים לעבן, אונטער
א וואך פון שדים און רוחות,
ארויפצו, אויפן סאמע שפיץ פון בארג נבו;
און צווישן צוויי שורות געניטע גיהנום-
שמייסער,
טרייבן זאל מען מיך דארט אדורך קאסטרווי!

ווי אויפן צדיק'ס קאפ, וועט נאך זיין יארמעלקע
האט זיך געבויגן,
פאלן אכזר'דיק וועט איבעריקע מאל דעם שמייסערס
האנט;
און איך — ווי דער סלאוויטער, וועל זיך פון ארט
ניט רירן,
ביז ווייזן וועט גאט מיר דאס גאנצע צוגעזאגט
לאנד:

פון גלעד ביז דן, גאנץ נפתלי, דאס לאנד אפרים־
מנשה,
און די גאנצע לאנדשאפט, ביז דעם הינטערשטן ים;
דעם דרום, דעם ירדן געגנט און דעם טאל פון יריחו,
די שטאט פון טייטלביימער, ביז צוער׳ס גרעניץ־צאם.

טרייבן זאל מען מיך צווישן צוויי שורות גיהנום
שמייסער,
ארויף אויפן בארג נבו, אויפן סאמע פסגה־שפּיץ;
ניט רירן וועל איך זיך פון ארט, ווי דער
צוגעשמידטער פּראמעטייוס,
און זיס, ווי גאט׳ס קושן וועלן זיין די אליין
גענומענע אויף זיך שמיץ.

אפשר וועט די ערד, וואס וועט מיט מיין בלוט
זיך אנזאפּן,
עדות זאגן אין הימל אז כ׳האב זיך מתודה געווען
נאך ביים לעבן;
און ווידער וועל איך קאנען דעם טאטן קוקן גלייך
אין די אויגן,
און זיין התפעלות בליק וועט מיר א דערליידזונג
געבן.

אויף דעם וויינט דאס הארץ

דעם טאטנס ליכט,זיין "שמש בגבעון דום"
האבן מיינע זעכצן-יאריקע-הענט אויסגעלאשן.
ווי זאנגן געלדענע פון דרעש געדראשן,
געדרעשעט זיין תורה,זיין לעבנס-בוים.

געריסן שטיקער פונם געטלעכן רוים,
אין תפיסה צעלען זיי איינגעשלאסן;
ס'האט אויף א האר מיר ניט פארדראסן,
ניט אראפ איז פון די ליפן-ווינקלען דער שוים.

דעם "משמר-טיש האט מיין קינדעריש מויל
געשענדט,
פארביטן די גמרא אויף א טריף-פסול.
געדרייט זיך אן אויפער,ווי א קארוסעל,
אין טונקעלע געסלעך,ארום טמאה-ווענט.

גאט'ס גדר צעשטערט,זיין הויז געמאכט חרוב,
געווארן מיטן טאטן - אויס קרוב.

גאָט׳ס היטער

איך גיי אין גאָרטן, אַרום מיר
זיידענע ווינטעלעך בלאָזן;
די לופט אַרום איז סודות׳דיק –
פול מיט רזין דרזין.

שטיל אַרום, קיין קלאַנג,
בלויז פאַרבן און קאָלירן;
בלומען דופט און בוימער־זאַפט
זיך שפּאַרן דורך אַלע טירן.

ס׳קרישטאָלענע טייכל איז פול,
גייט איבער ווי אַ קידוש־בעכער;
דער פאָנטאַן באַדט זיך אין גאָלד,
שפּריצט פּערל, פון אויגן־לעכער.

אַ בלויער הימל בויגט זיך רונד,
און ליגט ממש אויף די בוימער;
מיין נשמה וועבט זיך אין אים איין
און באַפרייט זיך פון איר חומר.

איך שפּאַן ווייטער און דערהער
אַ קול דממה דקה:
ווילסט, מענטשעלע, כאַ, כאַ!
גאָטס קול דערגייין? טאַקע!

מענטשעלע, וואָס טויג דיר דאָס וויסן?
וואָס האָסטו פון דיין שכל?
אַז שומרים שטיין ביי גאָט׳ס טיר,
טרייבן דיך פון זיין היכל...

ווייס איך...

איך האָב מיין פופציקער היינט צעביסן,
(זאָל זיין דערוויילע ביז הונדערט יאָר!)
נאָך אַן אַרשין האָט מען אָפּגעשניטן
פון מיין קורצן לעבנס-שנור.

וויפיל זומערס איך האָב שוין געזען
איז עס אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד;
וויפיל נאָך מיך וועלן דערפרייען –
איז פאַר מיר אַליין אויך אַ סוד.

כ'בין געבוירן אין מזל "תאומים",
עס מיינט אַ צווילינג, אַ פּאָר;
זאָל איך דעם לוח גלויבן אים,
אַז כ'וועל לעבן נאָך אַ פופציק יאָר?

מאַך איך אַ חשבון פונם "הכל-בכל",
כפל 50 אויף 360 שקיעות,
ציט זיך אונטער אַ סך הכל:
18000 מבול'ן צווישן מיינע ווייעס.

ווייס איך: ס'איז דער אָנהויב פונם פּאַבל,
כ'וועל אין "גבורות" נאָך אַריינפאָרן;
אַט איז נוח'ן דאָס יאָר פונם מבול
אויך ניט אַריינגערעכנט געוואָרן!

ואם תאמר: נוח איז דאָך אַ צדיק געווען,
"את אלוקים התהלך נח" –
אַט דאָס טאַקע איז מיין גאַנצער געוויין:
ווען וועסטו, גאָט, שוין באַלויכטן מיר מיין מוח?!

1950

דעם טאטנס חלק

גאט איז הייליק, הייליק!
ער האט אין מיר א גרויסן חלק,
נאר געראטן
בין איך אין טאטן;
ווי יבוס אין ירושלים...
אלץ איז טאקע פון הימל באשערט,
נאר ניט יראת שמים...
און ניט בלויז פארכט און מורא,
נאר אויך אפשיי, דרך ארץ און ליבשאפט
פאר גאט'ס תורה.

וואס האט גאט געטאן פאר מיר? –
ער האט מיך צוגעפירט צו דער וועלט'ס טיר,
און מיך איבערגעגעבן דעם טאטן אין די הענט:
ווייטער, ר' משה, הכהן, איז אין דיר געווענדט!
קאנסט די שלעסער פון בײדע וועלטן פאר אים
אויפשליסן,
און דאס לעבן אויך איביק אים פארזיסן.
און פארקערט –
לאזן די שלעסער זאלן זשאווערן,
און דיין קינד זאל זיך איביק חבר'ן
מיטן אומרעכט.

איז גאט'ס ווארט דעם טאטן וואויל געפעלן,
און ער האט אנגעהויבן מיט מיר צו קנעלן:
"אלוף" איז א האר!
וועסט קריגן דעם גרעסטן שכר,
ווען וועסט מיטן שווייס
הארעווען איבערן "אלף-בית".
דער "גימל",
פארבינדן וועט דיך מיטן הימל,
וואס פירט צו דער "דלת"-טיר,
וואו דער "ה'" ווארט פאר דיר.
דער "וואוו", איז א וואוו החבור,
ער באהעפט דיך צום צבור,
וואס שטייט אויף ערב שארייען,
און מאכט הכנות פאר דער תפילה-"זין",
וואס היט אים אויס פון "חית-טית"-זינד.
דאן, מיין קינד!
קומט דער גאנצער "יוד"-איד,

וואס זינגט מיט "כף־למד" –
מיט "כ־ל עצמותי"
זיין "מי כמוך" ליד.
און –
פון הימל גיט א פאל דער "מים־נון",
ווי אין מדבר דער מן,
און איז זיך "סמך"־שפארט זיך אן
אויפן "עין־פה" פון "צדיק",
וואס פירט צום עכסטן גליק,
צו דער "קוף־ריש־שין",
דער גלאטער ברעט,
אויף וועלכער דער צדיק טרעט,
צו דער "תיו",
צום "אין סוף"...

גאט איז היליק, היליק!
ער האט אין מיר א גרויסן חלק:
ער האט מיך צוגעפירט צו דער וועלטס טיר,
און געזאגט זיין געטלעך ווארט;
נאר דעם גרעסטן חלק אין מיר
האט מיין טאטע פארט!

דמאי - וואס איז עס?

בין איך א איד?
וואס איז א איד?
לאמיר, איינמאל פאר אלע מאל
קומען צו א סאלק:
א איד איז דער, וואס שטאמט
פון אידישן פאלק.
דאס איז א איד,
ווי איך בין א איד!

נאר, יש אומרים,
און זיי דרייען מיטן גראבן פינגער
א הער און א הין,
ווי א שטר אין האנט פון בית דין:
ווען איז דאס גערעדט געווארן,
מלבר-אויסערליך,
מלגו-אינערליך, אבער -
איז לא טוב!

נו, און אחריות, חוב?
מוז-תנאי?
איי, איי, איי!
"אני מאמין"-איך גלויב
אין "אחדות השם"?!
לאומית-נאציאנאלע איינהייט,
וואס דערציילט פון וועלטן ווייט,
אזש פון שכם?

זיי נעמען די זאך גוט ארומקלערן,
אז מען מוז זיך צו זיי צוהערן:
"עיר הקודש" איז די הייליקע שטאט,
וואס גאט -
האט פון איר גרויס נחת;
ווי ירושלים, חברון, טבריה און צפת.
"עיר הנדחת"
איז אויך א-שטא -
נאר וואו מען האט-געדינט אין איר
צום אפגאט.

און א ישראל
וואס דערשטיקט אין זיך גאטס קול,
איז אויך א איד;
נאר מיטן אונטערשיד,
וואס א "אחריות"-איד
איז דער"מלך-בכפה" –
דער מלך אויפן טראן.
דער "חמשת מיני דגן " –
פון ווייץ ביז קארן,
מיט וואס דאס אידן-לאנד איז
געבענטשט געווארן.
ער איז פון די ל"ו צדיקים נסתרים,
השמחים ביסורים –
וואס נעמען אויך זייערע ליידן
מיט פריידן.
גיין ארום פארשטעלט,
און אויך זיי שטיצט די וועלט.
און א הפקר-איד
איז א "אויך מיר איד".
א "ואדר"
פון א עבור-יאר.
א "פורים-קטן",
א פורים וואס איז נישט געראטן,
פונם הויפט-פורים דער שאטן.
מען לייענט ניט אין אים די מגילה
אפילו.

ווי בלייבט די הלכה?
בין איך א איד?
ווי לאנג נאך קאן מען ציען א ליד?
מען מוז דאך אמאל קומען צו א טאלק! –
תא-שמע – קום און הער:
א איד איז בלויז דער
וואס איז יעדן טאג מיט זיין גאט
און פאלק
כורת ברית,
נאר בלשון סגי-נהור,
מעג מען אפילו אויך מרור
זאגן "צוקער-זיס"...

א געבעט

פארוואס האסטו, גאט, אפגעווענדט דאס פנים
פון אונז,
ווידערגעדריט מיטן רוקן צו דיין פאלק ישראל?
איידער דער מארגנשטערן האט אויפגעוועקט
די ערד,
ביסטו דאך זיין גאט שוין געווען.
נאך איידער די פעלקער האבן פון דיין גרויסן
נאמען געהערט,
האט יעקב שוין אין בית־אל א לייטער
אויפגעשטעלט,
און אויסגעקריצט אין הימל דיין געצעלט;
און נאך איידער דיין כבוד האט ווי א גארטל
ארומגענומען די וועלט,
האט יעקב שוין געאייניציקט דיין נאמען,
זיך געשיצט אין דיר,
און דיך גערופן:
"פעלז פון ישראל!".
זע, דעם וואלקן אויף זיין פנים.
ס'ליגט די נאכט אויף אים;
פארוואגלט איז זיין שלאף,
ער ציטערט ווי א בלאט,
געבראכן איז זיין גייסט,
קוקט אויס די אויגן זיך פאר הילף.
פון וואנען זאל זיין רעטונג קומען? –
אויב ניט פון דיין רעכטער האנט,
וואס איז מיט פיל כוח באשיינט !
העלף אונז, גאט!
פארטיליק דעם פיינט,
ברעך די מאכט פונם שונא פון ישראל!
מיר בעטן דיך, גאט,
דערבארעמיקער!
מיר בעטן דיך,
מיט א צעבראכן הארץ!

וואס נאך זאלן מיר דעם שונא געבן,
אז מיר זיינען שוין הויל פון אלעסדינג.
ניטשא מער קיין זאך וואס האט עפעס א ווערט.
ניטשא מער פעלד און ווייגגארטן,
די פרוכט פון בוים און ערד;
אלץ איז שוין מקריב געווען א חטאת,
פאר אונזערע גרויסע זינד.

נישטא מער קיין זין און טעכטער,
מיר האבן איבער זיי א שליטה
ווי איבער דעם ווינט,
ווי איבער דעם קוואל פון אונזערע אויגן.
לייז אונז אויס,גאט!
און מיר וועלן דערפרייען די עכסטע
ערטער,
און מיר וועלן לויבן דיין נאמען,
און מיר וועלן זאגן:
גאט, דער גאט פון ישראל, האט מיט זיין
גרויס חסד
אונז אויסגעלייזט!
העלף אונז, גאט!
דערבארעם זיך, דערבארעמיקער,
און שיק דיין אויסלייזער אנזאגן גוטע בשורות
דיין איין און איינציק פאלק,
דעם צעזייטן און צעשפרייטן
צווישן אלע פעלקער.
ווייל דיין בונד מיט אים איז געווען:
א בונד פון לעבן און פרייד,
פון שלוה אין אלע זיינע וואוינונגען.
טא נייג דיין חסד צו דיין פאלק ישראל,
ווי אין די טעג פון אמאל!

1940

פאר גאנץ ישראל

(אברהם רייזענען)

געזאגט האט דער"בראשית ברא"
צום "לעיני כל ישראל" –
דעם סוף־פסוק פון דער תורה:
ווען דער בעל־קורא
גייט פון מיר אוועק,
האב איך ניט קיין שרעק,
קיין מורא.
ווייל אלע מאל,
ווי נאר ער ווערט פארטיק מיט דיר,
קומט ער צוריק צו מיר.

בראשית מיינט: אנהייב פון באשאף!
קאנסט עס זעען אין חומש'ל,אויפן ערשטן דף.
עס ליגט אין מיר דער גרויסער סוד,
פונם "אחד".
דער זין איז ווי א חלף שארף,
און אנגעצויגן,
ווי די סטרונעס פון א הארף.
ווייס,
מען הויבט מיט א כיוון אן מיט דער "בית",
און זי איז די גרויס
צוויי מאל ווי א געוויינלעך אות,
ווייל...
נאר צו וואס דיר מסביר זיין?
קוק, זיי מוחל, אין רש"י אריין!

געענטפערט האט דער"לעיני כל ישראל"
צום"בראשית ברא":

אמת, רש"י מאכט אויף די א דרש,
איז מה רעש?
קומט דיר שוין א זילבערנע עטרה?
ס'איז גאר א סברה,
אז דו האסט זיך ניט וואס איבערצונעמען,
ווייל ווייסט פאר וועמען
"רש"י מאכט".
האט דער סוף־פסוק זיך צעלאכט
הויך אויפן קול:

ניט צוליב א דרש אויפן "בראשית ברא"
האט גאט געגעבן אזא ליכטיקע תורה...
ניט צוליב דיר,
נאר צוליב מיר,
דעם "לעיני כל ישראל" –
ער זאל זיך דערהויבן
אין זיין גלויבן.
פון פינסטערע שאטנס אנטרינען,
און דאס אמת'ע ליכט געפינען!
-

אליין

כ'האב אויפגעשטעלט א לייטער
צווישן מענטש און גאט,
אין א גאטלאזער שטאט.
פארפאלן,אפגעטאן די זאך:
רעדט יענער איינער
אין אן אנדער שפראך;
באהערשט יעדן איינעם
אן אנדערע מחשבה,
און קיינער וויל
קיין מגע ומשא האבן
מיט דער הימלשער מרכבה.
קלעטער איך אליין...
פליט אין קאפ מיר
א שטיין נאך א שטיין.
האלט איך דעם שטיין אפ,
ניט פאלן ער זאל אראפ
און פלעטן דעם ווארפער
דעם קאפ...
קלעטער איך אלץ עכער,
אריבער בוים און דעכער,
און וואס עכער איך קלעטער
אלץ מער געטער
קומען מיר אנטקעגן
און פרעגן:
"אליין?"
ווייז איך זיי א שטיין.
קלעטער איך שוין ניט אליין,
איך קלעטער
מיט געטער...
קוק איך אראפ –
פארדרייט זיך מיר דער קאפ.
באפאלט מיך א שרעק:
צו ווייט אוועק!
גרעסער ווערן די שטערן,
און די,וואס הינטן –
אלץ קלענער ווערן...
ווארף איך צום הימל א דארשטיקן
בליק,
און לאז זיך א געבויגענער,
ארונטער צוריק...

מתן-תורה

(דראמאטישע פאעמע אין זיבן בילדער)

איינטיילנעמער: בת קול, מטטרון, משה רבינו, צווייטער מלאך, דריטער מלאך, פערטער מלאך, פינפטער מלאך, תורה, אדם הראשון, נח, אברהם, יצחק און יעקב.

ארט: אין זיבעטן הימל, אויפן בארג סני און אין גן-עדן.

ערשטער בילד

אין זיבעטן הימל. מטטרון שטייט פארן כסא-הכבוד.

בת-קול:

מטטרון!
גיי און ברענג משה'ן,
ארויף אויפן הימל.
מיט הארף און מיט פידל,
מיט פויק און געזאנג,
ברענג אים
וואס גיכער אהער!

מטטרון:

וועלכן משה?

בת-קול:

דער זון פון עמרם,
פון שבט לוי.
דער, וואס האט זיך נידעריק געמאכט
און האט געזאגט:
ווער בין איך,
איך זאל גיין צו פרעה
און ארויסציען די קינדער פון ישראל
פונם לאנד מצרים?

מטטרון:

האר פון ביידע וועלטן!
משה'ן, אויפן הימל?

די מלאכים זיינען דאך פון פייער
און ער איז א בשר־ודם!

בת־קול:

גיי און ברענג משה'ן,
און פארקער זיין פליש
אין פלאמען פייער!

מטטרון פירט משה'ן ארויף אויפן ערשטן הימל, וועלכער
איז פול מיט פענסטער און ביי יעדן פענסטער שטייט
א מלאך.

משה:

וואס מיינען די פענסטער?

מטטרון:

פענסטער פון תפילה,
און פענסטער פון תחינה,
פון שמחה
און פון געוויין.
פענסטער פון הונגער
און זעטיקייט,
פון מלחמה
און שלום!

מטטרון פירט משה'ן ארויף אויפן צווייטן הימל.
פופציק מאל צען טויזנט מלאכים שטיין מיטן פנים
צו דער שכינה און זאגן שירה פאר גאט:

גאט איז געאכפערט,
און איז זייער געלויבט!

משה:

ווער זיינען דידאזיקע?

מטטרון:

די מלאכים וואס זיינען ממונה
איבער דעם וואלקן און רעגן,
און איבער דעם ווינט.
זיי גיין און טוען דעם ווילן
פונם באשעפער,
און קערן זיך ווידער צו זייער ארט.

מטטרון פירט משה'ן ארויף אויפן דריטן הימל.
זעכציק מאל צען טויזנט מלאכים שטיין און
זאגן שירה פאר גאט:

צו דיר, גאט, איז דאס אכפערקייט,
און די גבורה!

מטה:
ווער זיינען דידאזיקע?

משטרון:
זיי זיינען ממונה איבער די גראזן
און בוימער,
איבער פירות
און איבערן קארן.
זיי גיין און טוען דעם ווילן
פון זייער באשפער
און קערן זיך ווידער צו זייער ארט.

מטטרון פירט משה'ן ארויף אויפן פערטן הימל.
צוויי גרויסע שטערן הענגען אין מיטן הימל.
מלאכים זאגן שירה פאר גאט:

ווער אין הימל קען זיך גלייכן צו גאט?
ווער איז געגליכן צו גאט
צווישן די מעכטיקע?

משה:
ווער זיינען דידאזיקע מלאכים?

מטטרון:
וואס זיינען ממונה איבער דער גאנצער
וועלט.
איבער דער זון און דער לבנה,
די שטערן און מזלות,
און איבער די הימלשע גלגלים.

משה:
און די צוויי גרויסע שטערן,
וואס הענגען זיי דארט?

מטטרון:

איינער איז נוגה,
ער איז פארן זומער,
ער קילט אפ די וועלט
פון דער היץ פון דער זון;
דער אנדערער איז צו ווארעמען
פון דער קעלט פון דער לבנה.

מטטרון, נאך א קורצער פויזע:

קום גלייך אויפן זיבעטן הימל,
מיר האבן זיך פאררעדט!

צווייט בילד

פארן כסא הכבוד שטייט משה,לעבן זיין רעכטער האנט שטיין פיר מלאכים און טענה'ן:

ערשטער מלאך:

האר פון ביידע וועלטן!
פארזאג ניט דיין שיינקייט
פון די הימלשע געצעלטן.
מיר ווען פאר דיין תורה
מאכן א ווארע,
מיר וועלן זי אפהיטן
בקדושה ובטהרה!

צווייטער:

ס'איז א טעות!
ווי קומט א בן-מות
צו אזא זכות?

דריטער:

ווייסט וואס? –
דאס איז אויך א גענוגער פארדראס –
אירע סודות און טעמים נעמען וועלן מיר,
וואס דאס איז די נשמה פון איר;
פארן בן־אדם איז גענוג דער גוף פון דער
תורה –
מצות זיינען אויך א קאסטבארע סחורה!

בת קול,צו משהן:

האלט זיך פעסט אין מיין כסא־הכבוד,
און גיב זיי א ענטפער!

משה:

גאטס תורה קען מען ניט צעטיילן,
און עס טאר פון איר קיין תג ניט פעלן.
דער,וואס פאר"קנס"ט זיך צום בורא,
איז שייך צו אים אויך די נשמה פון
דער תורה!

בת־קול:

איך האב דיך מקדש געווען צו מיר
אויף אייביק.
מקדש געווען,
מיט גערעכטיקייט און משפט,
מיט גנאד און דערבארעמונג,
און מיט גרויס גלויבן,
און וועסט דערקענען דיין גאט!

דריט בילד

דער בארג סני איז איינגעהילט אין א געדיכטן וואלקן. עס דונערט און עס בליצט. משה נידערט אראפ מיט די צוויי לוחות אין זיינע הענט. אונטערן בארג שטייט דאס גאנצע פאלק ישראל.

בת-קול:

אנכי – איך בין דיין גאט!
די ערד האב איך באשאפן,
און אלע מענשן.
צום ים האב איך געמאכט א טיר,
און האב אים פארריגלט
ארום און ארום.
איך האב אנטפלעקט דעם מארגנשטערן,
און דעם אוונטשטערן,
און האב געבאטן
עס זאל זיין טאג.
איך האב צעטיילט א וועג
צו די וואלקנס,
און צו די דונערן.
דאס ליכט און דאס פינסטערניש האב איך
איטלעכעס אויף זיין ארט
געמאכט רוען.
און די ערד מיט אלע באשעפענישן
האב איך באשאפן,
פון מיין כבוד וועגן.
די שיין פון די מזלות
האב איך אין דער צייט אויסגעצויגן.
הימל און ערד האב איך געמאכט געוועלטיקן
אויף זייער געזעץ.

דעם דור המבול, וואס האט געטאן שלעכטס
און פאלשקייטן,
האב איך אין מבול געמאכט פארלירן.
דעם דור הפלגה,
האב איך זייער לשון צעמישט.
כדרלעומר'ן, האב איך געשלאגן,
און האב אים צעטיילט די נאכט,
וואס אברהם האט אים נאכגעיאגט.
די מצרים האב איך געשלאגן
מיט צען מכות,
און ישראל'ן,
האב איך אין מיטן טאג אויסגעצויגן!

איך האב געשפאלטן דעם ים,
און האב אייך אריבערגעפירט.
מיט אייערע אויגן האט איר געזען,
דאס וואס איך האב געטאן.
איך האב צערויבט עמלק,
זיין חיל האב איך שלאף געמאכט,
און האב אייך געמאכט ירשענען
דעם הייליקן שבת.
ווי א אדלער האב איך אייך
אויף מיינע פליגלן געטראגן.
דריי מתנות אייך געגעבן:
דעם מן, דעם ברונעם,
און מלכות בית-דוד.
איך האב אייך געגעבן די תורה,
וואס זי איז קלוגע מוסר;
דערום זאלט איר זיך היטן
ניט צו נייגן פונם גוטן וועג.
עס זאל צו דיר ניט זיין
קיין פרעמדע אפגעטער!
דער גלויבן פון די וואס דינען צו זיי
איז נארישקייט,
מען קאן זיי ניט פארשטיין,
און זיי קענען ניט העלפן.
גאט, אבער,
דער חלק פון יעקב,
האט אלדינגס באשאפן,
און ער איז שטארקער פון אלע שטארקע.
ער מאכט די וואלקנס אויפגיין,
און גיט רעגן.

זיינע רייד איז ער מקיים,
און זיין עצה איז ער משלים.
צו אים טוט איך באהעפטן,
און אויף אים האט בטחון.
ער וועט אייערע שונאים מאכן פאלן
דערשלאגענע.
די וואס פארגעסן אין גאט –
וועט ער אויסראטן.
היט זיך זאלסט ניט געשטרויכלט ווערן,
און זאלסט ניט באשולדיקט ווערן!

עסהערן זיך קולות פון אונטערן בארג:

נעשה ונשמע!

פערט בילד

אין דער זעלבער צייט. אין זיבעטן הימל.

ערשטער מלאך:

וויי צו דער בושה,
די הייליקע תורה אין די הענט
פון א יליד־אשה!

צווייטער:
די פול סודות'דיקע אותיות,
אויסגעבריט אינם געטלעכן שוים.
דריטער:
נאך מיט צוויי טויזנט יאר
פארן וועלט באשאף
זיינען זיי פון "אלף" ביז "תיו"
דאך שוין געווען.
פערטער:
איך האב אליין געזען,
ווי טאג און נאכט
האט דער הייליקער מיט זיי פארבראכט.
אלע:
קדוש, קדוש, קדוש!

ערשטער:
און אז די שעה
פון רו

האט א צוק געטאן א ברעם,
און אויסגעהויכט דעם לעצטן אטעם,
און דער הייליקער, האט געטלעך באזאכט
פארטראכט
באשאפן די וועלט,
האבן אלע אותיות זיך אויסגעשטעלט
אין א אומגעקערטן סדר,
ניט ווי מען וועט לערנען אין חדר
דעם טראף.

צווייטער:
צום ערשטן האט זיך באוויזן דער "תיו"
מיט א טענה:
הינו,
היות,
ער איז דער ערשטער צייכן-אות
פונםווארט "אמת",
און טראגט א רמז
פון גאט'ס זיגל,
אויף זיינע פליגל –
לכן, האר פון אלע צייטן
און אייביקייטן!
געפינען חן זאל איך אין דיינע אויגן,
ווי דיין שטערן, וואס איז מיט גנאד
באצויגן;
און זאלסט מיט מיר
עפענען די טיר,
וואס פירן וועט פון דיין געצעלט
צו דער ברייטער וועלט!

דריטער:
האט דער הייליקער געמאכט א טראט
פאראויס:
דער "אמת" איז טאקע גרויס.
איך האב אים דאך אויסגעקריצט אויף מיין
זיגל,
און שפיגל זיך אין אים ווי אין א שפיגל.
נאר ניט מיט דיר
עפענען וועל איך די טיר,
צו דער ברייטער וועלט.

פערטער:

ווייל דו ביסט פארשטעלט!
אונטער דיין הויט,
ביסטו אויך אן אות פון "מות"-טויט.

ערשטער:

אזוי, מיט לויב געזאנגען,
זענען פאר גאט דורכגעגאנגען
אלע אנדערע אותיות,
פון קליין ביז גרויס.
שין, ריש, קוף,
און אלע האבן זיי געהאט דעם זעלבן סוף.

צווייטער:

יעדער אות האט זיך ברייט געשטעלט,
אז נאר מיט אים באדארף דער הייליקער
באשאפן די וועלט.
און גאט האט ליבלעך אויפגענומען
די אושפיזין,
נאר ער האט זיי אויפגעוויזן,
אז דער ענין איז זייער גרויס,
און קיין איינער פון זיי איז ניט
דער געוואונטשן אות:

דריטער:

דער וועלטס יסוד –
האט גאט
געגעבן זיי צו פארשטיין –
מוז זיין פון פלעקן ריין,
געזונט און אן א קרעץ,
און ווארצלען טיף אינם קץ.

פערטער:

און אט איז געקומען דער "בית".
ער האט געווישט זיך פונם פנים
דעם שוויים:
האר פון אלע צייטן
און אייביקייטן!
געפינען חן זאל איך אין דיינע אויגן,
ווי דיין כסא, וואס איז מיט דיין כבוד
באצויגן.
איך בין דאס ערשטע אות פונם ווארט
"ברוך"–געבענטשט,
מיט וואס עס וועט דיך בענטשן
דער מענטש.
טו א קוק אראפ פון דיין געצעלט,
און מיט מיר באשאף די וועלט!

ערשטער:

האט דער הייליקער געמאכט א טראט פאראויס:
יא, דו ביסט דאס געוואונטשן אות.

דיין בקשה זאל באוויליקט ווערן,
ווי דאס געבעט באגלייט פון טרערן.
איך וועל ארונטערקוקן פון מיין
געצעלט,
און מיט א "ברכה" באשאפן וועל איך
די וועלט.

צווייטער:

געבליבן שטיין איז דער "אלף" אויף
זיין ארט,
און ניט ארויסגערעדט א ווארט.
האט דער הייליקער געמאכט א טראט
פאראויס:
פארוואס
האסטו "אלף" פאר מיר זיך ניט באוויזן
באגלייך מיט אלע אושפיזין?

דריטער:

געענטפערט האט דער "אלף" שטיל,
נאר מיט גרויס געפיל:
געזען האב איך אלע אותיות זיך
ווארפן פאר דיינע פיס,
נאר אלע האבן זיי אפגעשניטן מיאוס,
האב איך געדארפט דאס זעלבע טאן,
אומזיסט פאלן פאר דיין טראן?

פערטער:

געענטפערט האט דער הייליקער:
"אלף,אלף",ווייס,
הגם מיט א "בית"
באשאפן וועל איך די וועלט,
וועסטו אבער פון אלע אותיות
דער ערשטער זיין אוועקגעשטעלט.
זיין וועסטו אויך דער אנהויב
פונם "אחד ,
וואס איז דער יסוד
און אויך די פיר ווענט,
פון אלץ וואס איז די ווערק
פון מיינע הענט.

אלע:

וויי צו דער בושה,
און אט דער אוצר געפינט זיך
אין די הענט פון א ילוד אשה.

בת־קול:

ער האט אויפגעשטעלט יעקב
פאר זיין עדות,
אז ער איז איינער,
און די תורה האט ער באשיידט
צו ישראל,
וואס זי איז א ירושה
צום איינזאמלונג פון יעקב –
פון דעם הייליקן גאט!

אלע:

קדוש,קדוש,קדוש!

פינפטער בילד

אין גן־עדן. אויף א טיש ליגט א צעוויקלטע ספר־תורה. עס שטייען אדם הראשון,נח,אברהם, יצחק און יעקב.

תורה:

איך בין געווען ווי א געפאנגענע
אין הימל,
און בין גענומען געווארן
אין סיון,אין זעקסטן טאג,
מיט מיינע מצות און דינים
געגעבן צו ווערן,
צו די,
וואס זיינען געווארן אויסגעלייזט.
גאט,וואס רייט אויף די כרובים,
האט מיט מיר א עצה געהאלטן.
ער האט געמאכט די ערד,
און די הימלען גענייגט.
אין זיין פארבארגעניש
האט ער געמאכט די וואלקנס.
געמאכט שיינען די זון,
און באשאפן לבנה און שטערן.
ער האט געמאכט אלע בוימער
און גראזן,
און אלע ברואים,
וואס מערען זיך!

אדם:

מיט זיינע הענט האט גאט
מיך באשאפן.

פריער פון אלץ
האט ער מיך געמאכט.
מיט ליבשאפט האט ער מיר געגעבן
שכל און פארשטאנד,
כמעט באלד ווי די מלאכים.
ער האט מיך געשטארק,
מיט כבוד געקרוינט,
און האט מיך געמאכט געוועלטיקן
איבער אלע זיינע מעשים.
מיט זיין געשטאלט האט ער מיך
באשאפן,
און מיך באשיינט מיט זיין צלם.
ער האט מיר געגעבן כוח,
איך זאל קענען ריידן;
איך זאל געבן נעמען
צו אלע באשעפענישן.
אין גן־עדן האט ער מיך באזעצט,
איך זאל ריידן מיט מיין מויל
דיינע געזעץ,
און צו דערקלערן דאס זיסקייט
פון דיינע גערעכטע משפטים.
פארוואס־זשע, האסטו זיך, תורה,
אין ניר נישט באהעפט?

תורה:

איך האב געקוקט אויף דיינע מעשים –
זיי זיינען מיר נישט געפעלן געווארן!
האסט נישט געהיט גאט׳ס געבאט
און האסט אים פארשטערט.
מיט דיין כבוד,
וואס האסט געהאט אין גן־עדן,
האסטו אפילו נישט איבערגענעכטיקט;
מען האט דיך פארטריבן,
און ביסט געגליכן געווארן
צו א בהמה אין פעלד.
האסט געגעסן פונם עץ־הדעת,
וואס מען האט דיר פארבאטן;
האב איך געזאגט מיינע רייד, פאר גאט:
איך וויל אים נישט קענען,
ווארום ער איז א מורד!
ווען ער האט איין מצוה נישט געקאנט
אפהיטן,
ווי אזוי וועט ער קענען מקיים זיין
תרי״ג מצות?

ער וועט שטארבן אן פארשטענדיקייט,
און וועט ניט פארזוכן מיין זיס לעבן.
איך קאן זיך מיט אים ניט באהעפטן!

נח:

פיל יארן האבן זיך געמערט
און זיינען אוועק.
האסט זיך אויפגעהאלטן אויפן הימל;
דיינע רייד זיינען געווען
צווישן די ריינע מלאכים.
נאר ווען איך בין אויפגעשטאנען,
פארוואס האסטו זיך אין מיר ניט
באהעפט?
איך בין געווען א צדיק
אין מיינע דורות,
און געגאנגן אין גאטס רעכטפעכטיקן
וועג.
איך האב געטרייסט די וועלט
פון טרויער און קללה,
און בין ניצול געווארן פון די וואסערן
פון מבול.
ווען איך בין ארויסגעגאנגן פון דער תיבה,
האב איך מקריב געווען א קרבן
צו גאט.
געבראכט מתנות
פון אלע חיות און בהמות,
און פון עופות,ריינע.
גאט האט געוואלט מיט מיר מתדבק
זיך זיין,
פארוואס־זשע האסטו מיר ניט געלערנט
די רייד פון דיין מויל?

תורה:

דעם טאג וואס האסט זיך אנגעטרונקן,
האסטו פארלוירן דעם הויכן געפיל.
פונם פלאנצונג פון דיין ווייגגארטן
האסטו זיך זאט אנגעטרונקן.
האסט קיין נאקעטקייט אפגעדעקט,
און דיין זון האט געזען דיין שאנד.
און ווען דו האסט זיך אויפגעכאפט
פון שלאף,
האסטו אים געשאלטן מיט קללות:
א קנעכט צו דיינע ברידער,
זאלסטו זיין!

אז דו האסט אזוי געטאן;
האב איך דיך פאר מיאוס׳ט,
און האב דיך פיינט געקראגן.
איך האב געזאגט צום באשעפער:
איך וויל זיך צו אים ניט מקרב זיין.
דען דערמיט וואס ער האט זיך אנגעטרונקן
איז ער ארויסגעגאנגען פון זיין שכל.
ער האט פארשטערט מיין געזעץ,
און האט דערנעענט זיין טויט!

אברהם:

אין צוואנציק דורות ארום
האב איך זיך פון מזרח דערוועקט.
איך האב דערקענט גאט
ווען איך בין אלט געווען
קארגע דריי יאר.
איך האב צעשטויסן די אפגעטער,
וואס מיין פאטער, תרח, האט געדינט,
און דאס ליכט פון מיינע גוטע מעשים
האבן געשיינט,
צווישן די פינסטערע מעשים
פון די רשעים.
פון מיין פאטערס הויז־געזינד
בין איך פארוואגלט געווארן,
און האב געשיינט אויף דער וועלט.
מיט מיין גאנג האב איך מצליח געווען,
און האב געשפראצט ווי א רויז.
בוימער האב איך געפלאנצט,
און אורחים געגעבן עסן,
און אין אלע עקן וועלט
האט מען געהערט מיין גוטן שם.
די, וואס האבן געבלאנדזשעט,
האב איך אויפן גוטן וועג ארויפגעפירט;
און מיינע גוטע מעשים האבן זיך
געשטארקט און געשיינט,
ווי די זון, וואס גייט אויף אין מזרח.
פון מיר האט זיך אנגעהויבן מצות מילה,
מען זאל מל זיין צו אכט טעג.
פארוואס־זשע, האסטו, תורה,
מיך אזוי שטארק פארשעמט?

תורה:

יא, דער באשעפער האט מיר געזאגט:
עס איז געקומען די צייט
צו געבן אברהם׳ן די תורה
א מתנה.
איך האב אויך געוואלט מיט דיר
זיך מתחתן זיין,

נאר וואלסטו ניט געזאגט:
"גיב מיר א צייכן,
מיט וואס וועל איך ירשנ'ען ארץ ישראל?" –
איבער דעם,
וואס האסט געהייסן ווייזן א סימן,
האסטו גורם געווען,
דיינע קינדער זאלן זיין פיר הונדערט
יאר אין מצרים,
און מען זאל מיט זיי ארבעטן שווער.
דאן האב איך מיר פארמיטן,
און ניט געוואלט רוען אויף דער וועלט.

יצחק:

נאך אים בין איך אויפגעשטאנען,
יצחק, זיין זון,
און מען האט מיך געמאכט פאר אן האר.
איך בין געגאנגען אין די וועגן
פון מיין פאטער,
מיט רעכטפארטיקייט
און צו טאן צדקה.
ווי א ליבליכער קרבן
בין איך ארויפגעבראכט געווארן,
מיטן גאנצן הארצן;
און בין אויפגענומען געווארן
ווי א קרבן עולה און שלמים.
פארוואס האסטו מיר ניט גרויס געמאכט
מיטן מוסר פון דיינע רייד?

תורה:

איך האב דיך אויך ליב געהאט,
נאך פון דיין יוגנט אן;
און האב צו דיר געגלויבט.
נאר וואלסטו ניט ליב געהאט
אשו'ן, דעם אפנארער,
און פון דעם רויך פון דיין זונס
קרבנות,
צו די אפגעטער,
איז דיר טונקל געווארן דיינע אויגן.
דערום בין איך פארמיטן געווארן,
מען זאל מיך ניט וויסן אויף דער וועלט.
איך האב געדרוט מיט גלוסטונג,
אין הימלשן פארבארגעניש,
און האב ניט אראפגענידערט
אויף דער ערד!

יעקב:

איך בין אויפגעשטאנען,
און האב צו דיר געגלויבט.
תמיד געזעסן אין די געצעלטן
פון שם־ועבר.
מיט גאנצקייט געגאנגען,
און מיט רעכטפערטיקייט זיך געפירט.
גאט האט מיך ליב געהאט,
און איך האב צו אים געגלויבט.
פארוואס האסטו זיך צו מיר ניט דערנענט
אין אלע מיינע טעג?

תורה:

ביסט געווען א איש אמת,
און לויטער,
און ראוי זאלסט זיך פרייען
מיט דער פארבארגענער תורה.
נאר דו האסט ניט געהאט קיין רו,
אין דיין פאטערס הויז,
און קיין מנוחה
פון קריג.
דיין ברודער,אשו,האט זיך געטרייסט
צו הרגענען דיך;
ביסטו אויפגעשטאנען
און אוועק קיין פדן.
מיט דעם בלויזן שטעקן
ביסטו אריבערגעגאנגען דעם ירדן,
און ביסט געקומען קיין חרן.
אויף דיינע ווייבער האסטו געווארט
גאנצע צוואנציק יאר,
און האסט מגדל געווען דיינע קינדער
מיט א שווער געמיט.
דיין זון, יוסף, איז פארקויפט געווארן
קיין מצרים,
ער זאל דארפן אויף דיר מגין זיין.
און, אז עס איז געווען א הונגער,
האסטו געוואנדערט אין גושן.
דערום בין איך ניט געפאלן אין דיין גורל,
און אומגעדולדיק אויף א אנדערן געווארט!

נאך א קורצער פויזע:

און עס האט געגענט
און געגרייכט האט די צייט;
האט גאט געזען די פיין פון ישראל,
וואס ווערט אנגערופן"עם לא אלמן!".

איז אויפגעשטאנען דער העלפער,
משה רבינו.
פון אנהויב איז ער ארויסגעגאנגן זעען
די ארבייט פון ישראל –
האט ער געטויט א מצרי.
ער האט געשלאגן אין מצרים אלע אפגעטער,
האט פארטיליקט אלע זייערע גבורים,
און ליכטיק געמאכט אלע פינסטערנישן
פון ישראל;
וואס איז אין געפאנגשאפט אנגעברייט
געווארן צו הילף.
איבער דעם ים האט ער זיי אריבערגעפירט,
און האט זיי געמאכט אויסציען פון מצרים,
צו זייער נחלה.
ער האט געמאכט פליען דעם שליו,
און רעגענען מן.
ער האט געשלאגן דעם שטיין –
האט גערונען וואסער.
האט גאט געגלויבט ישראל,
מאכן ירשנען אים די תורה;
וואס די איז זיין ווערק –
איז אויפגעשטאנען משה רבינו,
דער באגלויבטער שליח.
ער איז דערגרויסט געווארן
צווישן אלע צדיקים,
און באשטימט געווארן פאר זייער רועה,
צו זיין דער הירט פון פאלק ישראל!

איך רים זיך אין טאג פון מיין חופה:
מיין צייט איז געקומען
מודיע זיין מיין שיינקייט,
זיך לאזן דערקענען,
אז אלע זאלן וויסן
וואס מיין קענטעניש איז:
אלע מיינע וועגן איז צדק ומשפט,
וויסן און טיפע חכמה.
פון די הויכע ערטער
טוט שרייען מיין קול.
צו אייך טו איך רופן,
ווארהאפטע מענשן,
הערט מיך צו!
ווארום איך טו ריידן וויכטיקעס,
די רייד פון מיין מויל
איז רעכטפארטיק,
אן נארעריי!

זיי זיינען אלע רעכט,
צו די וואס ווייסן פארשטענדיקייט.
נעמט אן מיין מוסר,
בעסער ווי גינגאלד.
די וואס זוכן מיך,
טועז זיי מיך געפינען,
און די וואס האבן מיך ליב —
האב איך זיי אויך ליב.
קערט זיך אלע צו מיר,
און ווערט ניט פארנארישט.
אין מיין רעכטער האנט
איז אריכות ימים,
און אין מיין לינקער —
עושר און כבוד!

קריסעלע

(צום געבוירן פון מיין איייניקל)

אין מיין פילפארביקן גארט איז א נייי בלימעלע צוגעקומען,
קריסעלע־רבקהלע איז דעם העל־צעבליטן בלימעלעס נאמען.
וויל איך דיר,בלימעלע,דער משפחה׳ס מזל־טוב׳ן איבערגעבן –
א פאקל אין האנט, ארומצוטראגן דיין גאנץ לעבן:
דער אדלער וואס פליט הויך, ער איז דער שאטן פון זיידע,ר׳ יוסי,
דאס שטערנדל אויפן בלויען הימל –א פונק פון באבע סאטי;
ביידע קוקן איצט אראפ פונם הימלשן גן־עדן,
באוואונדערן דאס בלימעלע אין נחת און אין פריידן.
אויך די עלטער־עלטער באבע האט איר הארץ אויפגעבונדן,
ווען ווי א ליכטיקער שימער האט דאס בלימעלע זיך צעצונדן.
זיידע־באבעס האבן ביים הימלשן פענסטער זיך אויסגעשטעלט,
און איטלאך אויג פון דיין פראכטיקער שיינקייט קוועלט.
אט שטייט דארט דער זיידע משה,די הענט אויסגעשפרייט,
פון מויל טריפט ווי האניק וואונדערלאכע רייד.
ער רעדט צו די גערטנער,וואו די הירשן טאנצן:
נעמט זיך ניט איבער מיט אייערע דופטיקע פלאנצן;
אויך מיין גארטן פארטונקן איז אין העלע קאלירן,
און א פריש בלימעלע צווישן רויזן וואס שמעקן.
עס ציט זיך א פרישינקע קעגן דער זון און לאכט,
ווי א מלכה, אין איר קעניגלעכער פראכט.
דער זיידע,אהרן הכהן, די הענט הויך געהויבן,
קאן זיך פונם בלימעלע גארניט אפלויבן:
א בלימעלע צארט,ווי א שטערן ערשט אויפגעגאנגן,
זאל גאט געבן,ס׳זאל באוויליקט דעם ווערן אלע פארלאנגען.
איר פראכט און קרוין זאל אייביק גלאנצן,
באשיינען דעם גארטן מיט אייגענע פלאנצן;
מיט פרייד באלויכטן זיין זאל דיין געזיכט,
פילפארביק מער פון מארגנליכט!

מומע מרים, אין זייד און אין געשטרייפּטן געקליידט,
מיטן פּיקל אין האנט, אין א טאנץ זיך דרייט.
אירע באקן לויכטן מיט ראזעווע פונקן,
פון איר געזאנג ווערן די הימלן פארקלונגען:
דער הויבערשטער וועט דיר געבן אלע דיינע פארלאנגען,
קריסעלע, האסט אלעמענס הערצער געפאנגען!
דער פעטער פנחס-אליהו התשבי, ברוך הבא !
ער איז ביים הימלשן פענסטערל אויכעט דא.
אויף א פייערדיקן רייטוואגן געקומען צו רייטן,
ארומגערינגלט פון משפחה פון אלע פיר זייטן;
פון אונטער דער פאלע טוט ער ברכות ארויסשלעפּן:
געבענטש זאלסטו זיין, קריסעלע, אויף דיין גאנץ
לעבן!
קריסעלע, קריסעלע, נאך א הייליקער מומע א נאמען:
מקוים זאלן ווערן אלעמענס ברכות - אמן!

המבדיל...

מיט חשד קוקט מײַן נשמה־יתרה זיך צו
ווי דער "שבת־קודש" בײַט אום זײַנע
שבת'דיקע קלײדער,
און זוכט די וואכנדיקע ארום אין חדר;
איר לויטער פּנים ווערט מיט א וואלקן
פארצויגן:
ווידער זעקס וואכן־טעג, ווי דער סדר.

זי קלאמערט זיך אינם "שבת־קודש" אײַן,
האלט פעסט אים פאר דער פּאלע,
ווי זי זאל האבן אין זיך א ניצוץ פון זײַדן,
פון שפּאלע;
ער ענטפערט איר ראשי־תבות'דיק: יבנה! —
יין, בשמים, נר, הבדלה!

זי צעפּלעכט די כפל־שמונה'דיקע הבדלה,
ארויסקומען זאלן ליכטער ניט ווײניקער
פון צווײ;
זי גיט די הבדלה נאך אמאל א צעדרײ,
זי זאל חלילה קײן שקר ניט זאגן,
ווען מאכן זי וועט די ברכה "בורא מאורי"...

זי נעמט ארויס דאס געווירץ פון בשמים־
ביקסל,
צערײַבט עס, ניט בלײַבן זאל קײן שטיק,
און אײדער זי לײגט דאס געווירץ צוריק —
ווײל דאס קול איז גוט צו בשמים —
זאגט זי: הדק היטב, היטב הדק!

זי נעמט דעם כוס מיט וויין אין האנט,
ווי מען נעמט בעל־כרחה אויף זיך א יאך;
אין הארצן: פּחד ופּחת ופּח —
געבענשט ביסטו, גאט, המבדיל
צווישן "שבת־קודש" און "וואך"!

עס נעמט בלאנדזשן איר בליק אין דער ווײט
און בעט זיך שטום: שוין די לעצטע וואך?
ווי לאנג איז באשערט מיר וואגלען נאך?
ווען קומט שוין דער טאג פון כלו שבת,
און קײנמאל, קײנמאל מער שוין ניט וואך?

לידער-רעזומע:

אין "אנטפלעקונג" האב איך "מקבל שבת" געווען
אין "צפת",
דער "שויתי ד׳" האט ניט אפגעטראטן פון מיינע
אויגן;
איך האב זיך געפרעגט: "דמאי" – בין איך א
גאנצער איד?
אלס ענטפער האט מיין רוקן אין "הרהורי-תשובה"
זיך געבויגן.

ווי די "פיר מבקשים" געווען גרייט אויף "קידוש-
השם",
מבטל געווען דעם "אלף" און געלעכצט נאכן "תיו";
אויף די ליפן – "א געבעט" "פאר גאנץ ישראל",
"אנוש איך יצדק" געווען איז מיין "עבודת-הלב".

ניט אויך זיך "אליין", אויף מיינע ארימע כוחות
געשטעלט,
נאר אויך "דעם טאטנס חלק", זיין "מתן-תורה"
צוגעטראגן;
און שיר היחוד און "פון חסידישן מויל",
וואס ער איז ניט מיד געווארן איבערזאגן.

"אין טאג פון דין" "ווען כ׳וועל פארן כסא-הכבוד
זיך שטעלן,
"אין טרויער און פיין" און "ממעמקים" וועט
"חרטה" זיך הויבן,
וויסן וועל איך אז "ניט אן א פארוואס" האב איך
"אין שליחות",
ביז דעם "המבדיל" ניט אויפגעהערט גאט צו לויבן.

צווייטער טייל

וואך

פונקן אין אש

1

ווי שטערן אין פרימארגן,
ווי פונקן אין אש פארבארגן
האבן מיינע טרוימען זיך פארלאשן:
ווי א געקוילעטער האן
זיך א צוק געטאן —
און אויגן אויף אייביק געשלאסן.

ס'זיינען מיינע העכסטע פארלאנגען,
די הימלען צו דערלאנגען,
ווי פליגן אוועקגעפאלן,
און איצט ליגן זיי,
ווי אין א מוזיי —
געשטאפטע נאכטיגאלן...

2

דעם פון־ווייכן צודעק פון דרימלדיקן צווינטער
האט דער אנטלאפענער סוף־ווינטער
מיט זיך מיטגענומען.
די בלומען,
מיט פיל פארביקע קאלירן,
ווידער שימערירן.
די פעלדער
און וועלדער,
מיט ווייץ און גרינע בלעטער;
די לופט פארשליפערט ווידער, ווי מיט העטער —
נאר זיי, מיינע טרוימען, די הימל בלויע,
זיי וואגלען נאך אלץ אום אינם עולם־התהו...

אפגעמעקט
(אין דיין בלוט זאלסטו לעבן...)

אפגעמעקט, ווי א וואלקן, האט גאט דיינע זינד,
ישראל,
קער זיך אום צו אים, ווייל ער האט דיר
אויסלייז געגעבן;
ער האט דיך געזען אין דיין אייגן בלוט זיך
וואלגערן,
און ער האט געזאגט דיר:"אין דיין בלוט
זאלסטו לעבן"...

ברעך אויס בארג אין גרויס געזאנג,זינג
וואלד,
און יעטווידער בוים אין דיר און יעטווידער
דארן;
זינגט איר הימלן, ווייל גאט האט דאס געטאן,
דורך יעקב און ישראל איז זיין נאמען גרויס
געווארן.

"אונזער אויסלייזער", "דער היטער פון
ישראל",
"דער האר פון די הערשאפטן" איז זיין נאמען;
וואויל איז דיר ישראל, גאט האט דיך אויסגעלייזט
דאנק-זשע דו, זעקס מיליאן אויסגעלייזטער,
זאג אמן!

ניט געפרייגט דיך,ווי דער דין איז מדאורייתא:
"מה בעית שפי" - וואס ווילסטו בעסער?
אנשטאט די פינף סלעים אויסלייז געלט צו
נעמען -
איבערגעגעבן האט ער זיין בכור, צום
רוצח'ס מעסער....

אפגעמעקט האט גאט ווי א וואלקן דיינע זינד,
ישראל,
אליין געווען קוואטער,אליין סנדק, און אליין
דער מוהל;
וואויל איז דיר ישראל, גאט אליין האט דיך
אויסגעלייזט,
און מיט די זעקס מיליאן,אויך אויסגעלייט
דעם גואל...

1940

נישט אן א פארוואס

איך האב ניט ווי חירם, דער מלך פון צור,
געבויט אין די הויכן פאר זיך שלעסער;
אויך ניט געלויבט זייך ווי שלמה פארן אשמדאי,
אז מיין חכמה איז פון אלע בני-קדמ'ס גרעסער.

מיין הארץ האט זיך קיינמאל ניט דערהויבן,
און ניט געזאגט האב איך: "איך,איך,איך!"
און וואס כ'האב זיך דערוואָרבן געווען איז
מיטן שווייס,
און עס ניט געהאלטן אינגאנצן כ'האב דאס
פאר זיך.

איך בין אויך ניט איינער פון די נפילים,
די מלאכים וואס האבן דרידערשפעניקט אין גאט,
האט מען פון זיי אראפגעריסן די פייערדיקע
קליידער,
און געמאכט זיי צו שאנד און צו שפאט.

דאך האט מיך גאט א שליידער געטאן אויף דער
ערד,
אן א קלייד אויפן לייב און אן שיך,
דארט וואו די קאלטע פיר ווינטן פון דער
ערד
מיט גרויס רציחה באגעגענען זיך.

צו דער ערד בין איך אנידערגעפאלן געווארן,
ווייל אויבן איז מען גערעכט און דער משפט
איז גערעכט:
דאס קום איך אפ פאר די טעגליכע פארגעניגנס,
און נאך מער פאר די פארגעניגנס פון די נעכט.

אויף מיין געוויסן

מיט גינגאלד האבן מיינע טעג זייערע צאלונגען
מיר געמאכט,
מיינע נעכט – מיט לבנה־שיין פאר מיינע פיס
געשפרייט;
דער שניידער און דער שוסטער – מיין טאג און
נאכט,
אין גינגאלד קליידער און אין לבנה־שיך האבן
מיך געקליידט.

האט עמיץ אין מיינע לבנה־שיך עטלעכע לעכער
מיר געמאכט,
און אין די גינגאלד־קליידער – א צוויי
עקיגער ריס;
דערוואוסט האב איך זיך אז קאלט איז גאר די
נאכט,
און דער טאג איז ניט א קעצעלע, וואס רייבט
זיך ביי די פיס.

ביידע זיינען ניט שולדיק, ניט מיין טאג
און ניט מיין נאכט,
ניט געפעלשט אין מיר האבן זיי, אפילו ניט
אויף א האר;
עמיץ אנדערש גאר האט אויף מיר דעם בראך
געבראכט –
מיין טאג־און־נאכט זיינען אלע מאל געווען
א נדיבות'דיק פאר!

מיין ארט

ניט אינם ליכט פון זונענשיין,
נאר אין באהעלטעניש פון בוים,
אונטער געדיכטע סאמעט־גראזן,
ביי דעם שטילן וואסער־זוים –
דארט זאל א קבר ליגן פארבארגן,
ווען אויסלעשן וועט זיך פאר מיר
דער מארגן.

זיך ניט אנגעפרעגט

טעג גייען אוועק און טעג קומען אן,
איין טאג פון די נייע געשטאנען איז אין קאן.
איינגעשטעלט אים אן דיר, געשפילט אן דיין ווילן,
און געשפילט אזוי, מען זאל דעם קאן פארשפילן.
ניט געזאגט קיין ווארט דיר, ניט געלאזט דיר וויסן,
און דיין שנור פון לעבן ערגעץ וואו איבערגעריסן.

דער זומער גייט אוועק, דער ווינטער קומט באלד אן,
עס גיט דיר ניט קיין רו דער פארלוירענער קאן.
פארשט די נייע טעג, וועגסט זיי אויף דער וואג,
יעדער געבוירענער מארגן - א געשענקטער טאג.
וואלקנס אויפן הימל, שאטנס אויף די ווענט,
באלד וועט ביים נדבן שליסן זיך די הענט.

כיס אחד...

איין גורל פאר אלעמען דא אויף דער וועלט,
קיין אונטערשייד ניט פון איינעם צום צווייטן;
יעדע באשעפעניש זעט גוטס אזוי ווי שלעכטס,
איין און זעלבער גורל טוט יעדן באגלייטן.

די קו פארמיידט ניט אירע מילך פון קיינעם,
דערביי לאזט זי אויך פילן די שארף פון אירע
הערנער;
אויך איך באקום ניט דעם דופט פון דער בלום,
אן דעם שטאך-באגלייט פון אירע שפיציקע דערנער.

צער

קלאפן ליידן אין מיין טיר -
לאז איך גערן זיי אריין,
ווייל דערהויבן ווער איך נאר
דורך מיין צער און פיין.

פליסט מיין לעבן אבער גלאט -
ווערט מיין שרעק דיין גרויס;
ווי אברהם - פאר זיין טיר
כ'קוק זיך מיינע אויגן אויס...

איך וואלט וועלן

ניט לאקן זאל מער מיך דער דאהיגער תעניג,
וואס שרינגט אין די אויגן ווי א פארשייטע מויד;
פירן זאל מיך ביי דער האנט דער אלטער מנהיג,
וואס פירט די ליפן סיי אלעמען ־ דער טויט.

דערמאנען זאל די ערד מיר נאר אין קברים,
און ניט אין פעלד און וואלד, גארטן און בלום;
דער הימל ־ אין וואלקנס וואס ברעכן אויס אין שטורם,
אין בליצן, וואס שניידן די וועלט אדורך אין דער קרום.

דער "ער זאל דערמאנען מיר אין גאטס קללה:
"מיטן שווייס פון דיין פנים עסן זאלסטו דיין ברויט";
די "זי", וואס האט געבראכט מיט זיך פרייד און יללה,
דערמאנען זאל מיר אין איין זאך נאר ־אין טויט.

וואס איז דער זין פון די פריידן, די ערדישע,
אז דער מענש איז דא א גאסט בלויז אויף א ווייל;
וואס איז דער חילוק פון מענשנס שפאן און דאס פערדישע,
אז ביידנס מהלך ווערט געמאסטן מיטן זעלבן מייל?

איז ניט בעסער באצייטנס פארשן און זיך באקענען
מיט די טונקעלע דורכגאנגן, וואס פירן פון הי;
איידער אריינצופאלן פלוצלים אין פייער און ברענען,
און דער געדאנק איז ניט צוגעגרייט פארן קלענסטן ברי?

חרטה

א, וואו איז מיין קאפ געווען,
און וואו איז מיין שכל געלעגן?
אז ס'אויג מיינס זאל דעם אמת ניט זעען,
און גיין זאל איך אויף קרומע וועגן?

איך זע, גאט, צו מיר דיין פאראכטונג,
איך זע דאס אין פונק פון דיין בליק;
כ'קוק צו מיין עבר, דעם ווייטן —
און קען מער ניט כאפן צוריק.

איך האב חרטה, גאט,
אין הארצן ברענט פלאמיק דער שטרייט;
מיין הייסע טרער זאל זיין א פארגעבונג
פאר מיין שאנד און געפאלנקייט.

נעם אן די חרטה פון מייר הארצן,
וואס שטארמט אזוי ווי דער ים —
און הויבט זיך, ווי די כוואליעס,
וואס ווייסן ניט קיין צאם.

מיין אוצר

כ'האב געגראבן טיף און זיך דערגראבן צו
א אוצר,
וואס איז געווען פארהוילן פון יעדן אויג;
אפילו די פלייצע פונם גייציקן פראצעגנטניק
האט זיך איבער יענעם ארט ניט געטאן א בויג.

האב איך באלד אויסגעפוצט אלע געמארקן מיט
לידער,
נאר צוגערירט צו זיי האט זיך קיינער;
ווי נאר עס איז געפאלן אויף זיי דאס אויג
פונם סוחר,
פארוואנדלט זיינען זיי געווארן אין א הויפן
שטיינער.

נאר ווען מיין אטעם וועט זיך אויסלאזן,
ווי פידל־קלאנג, ווען די סטרונעס פלאצן,
אויפשטעלן וועט מען פון די שטיינער מיר
א מצבה,
און מיינע שטיינער־לידער אויפסניי איבערשאצן.

מיין טרייסט

איך האב נאך א טרייסט,
איך האב נאך א "דארטן";
איך ווייס, אז אט דארטן
איז מען יא א מבין אויף איר,
דארטן ווייסט מען יא איר ווערט!
און ווען די צייט וועט קומען
און אומקערן וועט זי זיך אהין –
ארויסגיין אנטקעגן איר וועלן
קינד און קייט;
און ס'וועלן מלאכים
אין זילבערנע טראמפייטן בלאזן,
און כרובים וועלן פלעכטן
קראנצן פאר איר.
אויף די שפיץ פינגער
פאר איר וועט מען שטיין,
און ציטערן וועלן ברעמען
פון אנגעשטרענגטע אויגן,
און הענט וועלן זיך ציען
מיט "ברוך הבא'ס", וואס וועלן
פארהילכן דעם ארום!
און ווי מיט אן אבן־טוב
וועט מען זיך ארומטראגן מיט איר –
מיט גאט'ס געשאנק,
וואס איז איצט מיין נשמה...

מסחרים

"דו, זבולן, מיין זון",
האט יעקב געזאגט,
"זאלסט פירן מסחרים,
און יששכר, דיין ברודער,
מיט א רואיקן קאפ,
נאר שרייבן זאל ספרים"...

האט זבולן, דער דריי־קאפ
צוגעבאמקט דעם טאטן,
און צעקושט האבן זיך די ברידער.
פירט זבולן מסחרים
און עסט געבראטענע קאטשקעס –
און יששכר – פעדלט מיט לידער...

דאס שיסעלע רייז

דער רייכער מאנדארין, טשינג-פוי,
באטש זיין צאפ איז שוין גרוי,
האט זיך איינגעהאנדלט א פרוי –
פאר א שיסעלע רייז.

יונגע מיידלעך אין די מיליאנען
דרייען זיך אום אין די סאלאנען,
כדי מיט הולטאיעס זיך צו באקאנען –
פאר א שיסעלע רייז.

געלע זיינען פארשווארצט געווארן,
אין פארלויף פון טויזנטער יארן,
ניט געקאנט פאר זיך אפשפארן –
א שיסעלע רייז.

מאסן ליארעמען און שרייען,
ווילן זיך פון יאך באפרייען
און זיך מער ניט לאזן שפייען –
אין שיסעלע רייז.

מ'האלט אין ביכער זיך אין רויען,
ווי די וועלט צו איבערבויען,
נאר מען ווייסט ניט וועמען טרויען –
דאס שיסעלע רייז.

ממעמקים

1

שטעקט א בעטלער אוים א האנט –
וועט אים זעלטן ווער אפזאגן;
דערלאנגן וועט אים יעדער עפעס,
מעג ער אליין ניט פיל פארמאגן.

גאט, פאר דיר, דו וועלטן־רייכער,
שטיי איך ווי א בעטלער שטום;
און דו – ווי דער גרעסטער קמצן,
קוקסט אויף מיר זיך גארניט אום.

2

דו האסט מיר שטיל אין אויער
אריינגערוימט א סוד;
מען שליסט שוין אויף דעם טויער,
וואס פירט צום עשאפאט...

וויל איך אויך שטיל אין אויער
דיר ענטפערן אויף דיין סוד:
כ'וויל טאקע אין הימל־זוהר
זיין נאענט צו דיר, מיין גאט !

3

גאט האט מיין גאלדענעם בעכער
מיט רויטן ווייַן אנגעגאסן;
נאר דעם בעכער מיטן ווייַן –
מיט זיבן ריגלן פארשלאסן.

און נאך א בעכער צוגעשטעלט,
און אים שוין ניט פארשלאסן;
נאר אנשטאט מיט רויטן ווייַן –
מיט פייַן אים אנגעגאסן.

מײַן נשמה

װען איך װעל דא שױן
מער ניט זײַן –
דאן רוען װעסטו,
נשמה מײַן...
זיך ליגן װעסטו
אין א װײַכער װיג
און װיגן זיך
הין און צוריק...

און אפשר גאר
פארקערט:
ס'װעט אױך דאן דיר
זײַן באשערט,
אזױ װי איצט
בײַם לעבן –
אין די הימלען
ארומצושװעבן...

א שניט... א גלעט...

א שניט בײַם הארצן
װי מיט א מעסער,
נאך א שניט, א צװײטער,
דער װײטאג װערט גרעסער.

א װארימע האנט,
סאמעט װײכע פינגער,
א גלעט איבערן קאפ,
דער װײטאג װערט גרינגער.

א שניט, א גלעט,
א גלעט, א שניט,
און בײַם הארצן –
טאפלט ציט...

אלע פּאַרטיפּט

זיצט איינער אין א ווייַן-קעלער
און קוקט אין כוס אַרייַן;
ווערט זיין ביטער הארץ אים זיס –
נאך זיסער פונם וויין...

א צווייטער זיצט אין בית המדרש
און קוקט אין ספר אַרייַן;
ווערט אים אויפן הארצן גוט,
וואס בעסער קאן ניט זיין...

איך – אין מיין אייגן ווינקל זיץ
און קוק אין מיין נשמה אַרייַן;
און וואס מער איך קוק אין איר –
אלץ שארפער ווערט מיין פּיין...

שפּילעכלעך

איך האב א קעצעלע געהאט –
וואו איז עס אהינגעקומען ? –
עס האט מיין קעצעלע אויף זיך
א טיגער-פעל ארויפגענומען.

איך האב א טייבעלע געהאט –
וואו איז עס אהינגעקומען ? –
דאס טייבעלע האט אויף זיך
א קראָ'ס פעדערען גענומען.

בייסט דער טיגער מיינע פּיאַטעס,
און דער קרא – קראַקעט:קרא! –
כ האב צוויי שפּילעכלעך געהאט,
וואו זיינען זיי אהינגעקומען – הא ?...

פארטאג

פארטאג –
אויפן פעלד,
אויף א גאלדענער זאנג –
ווי א פערל
אויף א גאלדענער טאץ,
ליגט א טראפן טוי
און קוקט צום הימל ארויף...
פארדריסט עס דער זון:
"אזא חצוף!
היט מיך ווי א גנב,
לאזט מיך פון אויג ניט אראפ!"
רייסט זי זיך אויס
א רעגנבויגן קאלירטע האר
פון קאפ,
אוןווארפט זי אויף דער זאנג ארויף,
און מיט איין לעק
פון איר פייערדיקער צונג
שלינגט זי דעם טראפן איין...

איצט ווייס איך

איצט ווייס איך פארוואס שרויטן־אדערן
קלעטערן אויף די גלייכע ווענט,
ווי א מענש קריכט אויף א לייטער,
מיט בײדע פיס און הענט.

פארוואס שווארצע וואלקנס
וואשן ווײס דעם טעפיך־הימל,
און לאזן ניט איבער א פלעקעלע,
קלענער נאך פונם מינדסטן קימל.

ווייל פון אל דאס שענסטע פון דער ערד
און הימל,
פארמישט האט גאט א צווייטן מן;
און מיט הלל־געזאנגען אויף זיינע ליפן,
טיף אין מיין הארצן דאס אריינגעטאן.

פארגיטיקונג

מיידלשע פיס צייכענען איראגליפן אויפן זאמד,
זאמד קושט הייס צוויי מיידלשע פיס;
אין הארצן גיט עפעס א ריס,
בלוטן ווערן ווי פון פייער פאר׳סמ׳ט.

ניט ארויסגעווארפן איז דער געבעט פון די
אויגן:
שטעלט זיך אפ אביסל, מיידלשע פיס!
פון הארצן גיט זיך א פרייד געשריי א ריס,
דאס מיידל ליגט שוין אויפן זאמד אויסגעצויגן.

אויגן קריכן איבער האנט און פוס,
גלעטן שלאנקע מיידלשע גלידער;
פון הארצן רייסן זיך פריילעכע לידער,
געבן פון די בלוטן אפ א גרוס.

דער קערפער פיבערט ווי מ׳זאל אים דרעשען:
די וואס האט אנגעצונדן זאל אויך אויסלעשן!

נישט מקנא...

"ער איז נישט מקנא געווען דעם רייכן
מיט זיין פרעכטיקן פאלאץ;
מיט דער שפייז, וואס מיידלעך האבן
אים דערלאנגט אויף א טאץ.

"ער איז נישט מקנא געווען דעם שכן
מיט דער שיינקייט פון זיין ווייב,
דעם גענוס, וואס זי האט פארשאפט אים
מיט דער יונגקייט פון איר לייב.

"ער איז נישט מקנא געווען דעם דיכטער
מיט דעם פאק געדרוקטע לידער,
אין דעם "זאמלבוך", אויסדערווילטע,
מער פון אלע פעדער־ברידער.

"ער איז נישט מקנא געווען קיינעם!" —
וועלן מיינע פריינט דאן זאגן,
ווען זיי וועלן, פול מיט טרויער,
נאך מיין ארון גיך זיך יאגן.

אויפן עולם האמת

שוין אויסגעשפּיגן האָבן די מתים
נאָכן "משפּחת האדמה",
און אַט פאַרלאָזן די שול שוין
די מתפּללים, פון הוילער נשמה...

זיי גייען אַזוי זיך אין גרופּעס
און שמועסן פון עולם האמת.
זיי האָבן פון וואָס דאָ צו רעדן –
עס פעלן ביי זיי ניט קיין טעמעס:

פון "יין המשומר", צי פון "שור הבר",
צי אַט גאָר פון רחב הזונה:
"זי האָט, דאַכט זיך, פעך־שוואַרצע האָר",
"ניין! ווי קאַשטאַנעס גאָר ברוינע!"

איין איינציקער מת אָבער רעדט ניט,
ער טראַכט פון זיין חבר דעם "פיינשמעקער",
"איך לעב שוין אויפן "עולם האמת" –
ער, נעבעך, נאָך אויפן "עולם השקר"...

בין־השמשות

דער טאָג האָט זיך דערשראָקן,
ער איז אַזש גרוי געוואָרן;
די נאַכט האָט זיך פאַרלייגט אויף אים,
זי וויל אים מקצר זיין די יאָרן
און ער איז ערשט 12 שעה אַלט געוואָרן.

לאָזט ער זיך באַרג אַרויף,
אפשר וועט ער זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן,
זעט ער ווי הינטער זיינע פּלייצעס,
אין די פאַלדן פון פעלזן־שפּאַלטן
ליגן שטיקער נעכט באַהאַלטן.

ווייסט ער, עס וועט גאָר ניט העלפן,
דאָ וועט שוין זיין קבר זיין,
לאָזט ער אַרונטער די אויגן־דעקלעך,
דרייט זיך אין דרייען איין
און וואַרפט זיך אין דעם עבר אַריין...

דאס ווארט

ס'האט דאס ווארט אין האלז זיך געשטעלט,
ניט געוואלט ארויס אויף דער וועלט;
עס האט געקרעכצט אוי און אוי,
און גע'טענה'ט אט אזוי:

"לאזט מיך פון מויל ארויס,
פארלירסטו אויף מיר די שליטה,
יעדער איינער טייטשט מיך אויס
לויט זיין אייגענער שיטה.

דער זאגט בוידעם, יענער — קלאץ,
און מ'גלאצט אויף דיר די אויגן;
דו הערסט זיך צו, און טראכסט דערביי:
"ניסט געשטויגן, ניסט געפלויגן".

ניט געפאלגט האב איך דאס ווארט,
און ארויסגעלאזט עס פארט,
האב איך איצט צו זינגן און צו זאגן,
מ'ווארפט זיך מיך אפילו שלאגן...

בין גרייט

ס'האט ווער אמאל אין מיטן טאג,
אין אויער מיר געטאן א זאג:
"נעם דיין וואנדער־שטאק אין האנט,
און לאז זיך אין דעם ווייטן לאנד;
און מעסט עס אויס אין גאנצער ברייט,
ביז טרעפן וועסטו דארט דעם טויט".

האב איך, מיט שטעקן אין דער האנט,
געלאזט זיך צום ווייטן לאנד;
דאס אויסגעמאסטן אין דער ברייט —
און איצט בין איך אויף אלץ שוין גרייט...

ווייַן און ווייַב

דער הימל איז אויסגעשטערנט און בלוי,
נאָר זייַן פּנים איז פינסטער, חושך מצרים !
וואָס קומט אַרויס פון אַ "לחיים" נאָך אַ "לחיים",
ווען בייַ דער זייַט פעלט אַ פרוי ?

דער ווייַן איז שטאַרק, און ווי בלוט רויט,
און מיט לוסט דאָס האַרץ אים פאַרפּלייַצט;
ער ווערט בייז, ווי אַ אַרימאַן צערייצט,
וואָס פאַרבייַסט נאָך דער "המוציא" – מיט ברויט.

ער באַשטעלט נאָך אַ לאָגל ווייַן, און רויטן,
גיסט אין בויך, ווי זייַן ער זאָל אַן אַ דנאָ;
רייַבט מיטן עלנבויגן אין וואָנס,קיין פרוי נישטאָ:
מ'דאַרף דינגען אַט יענעם שיכור,ער זאָל מיך טויטן !

טפוי ! הייַנטיקע צייַטן קאָן מען אפילו אַ שיכור
ניט טרויען:
איצט פעלט שוין ניט אויס אַ פרוי – נאָר פרויען !

"אלף" און "תיו"

איך ווייס, איך ווייס,
אז נאך דער "אלף" קומט די "בית",
און אזוי ביז דער "תיו",
און דאס איז דער סוף
פונם "אלף-בית".
פארוואס-זשע איז דער טרויער אזוי גרויס
ווען דער "אלף-בית" לאזט זיך אויס ?
איך פרעג די פיס,
וואס אויסגעמאסטן האבן גאנץ פאריז,
און דאס מויל
וואס איז פארברענט אויף קויל,
ווייל אויסגעטרונקען עס האט דעם גאנצן
טרויבן-זאפט,
ווי דער קנויט פון לאמפ — דעם נאפט :
פארוואס,
אז עס קומט צום לעצטן אות,
צו דער "תיו",
איז דאס א שטראף ?
און איך זאג:
און אז מען זיצט נאך א טאג
אינם "אלף-בית" פאלאץ,
און מ'עסט שלח-מנות פון א.פארדעקטער טאץ,
איז וואס?
אז סוף-כל-סוף
טוט די "תיו"
א בלאז,
און קערט איבער ווי סדום און עמורה,
און עס העלפט ניט בעטן צום בורא.
פארוואס-זשע ווען די "תיו"
רוימט מיר סודות אין אויער,
צעבלאזטע אין מיר אויף דעם טרויער ?
וואס ברענגט דען אזעלכעס די "תיו"?
דוכט זיך רו און אייביקן שלאף.
פארווישט דאס פלאגעניש ווי מיט א
פליידערוויש
אינם אייביקן פינסטערניש;
און באפרייט פון גאלד און בייטל.
פארוואס-זשע,
ווען עס קומט דער באהעלפער מיטן טייטל
און ווייזט אויפן לעצטן אות,
איז דער פארדראס אזוי גרויס,

און מ'זאל פאראיבל האבן,
וואס ער באפוילט די פיר איילן צעגראבן?
איך ווייס:
וואס איז דען דער "אלף-בית"?
-לבנה-שיין,
וואס דרינגט דורך דער שויב אין חדר אריין,
און ווילסט זיך מיט דעם ארומכאפן,
און קאנסט עס ניט אנטאפן.
ליידיק בלייבט די האנט,
ווי דיין שאטן אויף דער וואנט.
פארוואס-זשע,
זאל איך אויף דער "תיו" גאר ברוגז זיין,
וואס זי האט א שבועה געטאן,
אראפצושלעפן דעם "אלף-בית" פונם אויבן אן,
אראפצוציען פון אים דאס סאמעט קלייד,
און ווייזן זיין הוילע נאקעטקייט?
איך ווייס אויך:
אז "אלף-בית" איז ליולקע-רויך,
און ליידיק און גרא,
און קיין האניק איז אין אים ניטא.
פארוואס-זשע זאג איך זיך אליין:
דעם "אלף-בית" גרויסער געוויין
איז, וואס דער "תיו" האט אים געשענדט
מיט צוויי קאלטע הענט.
נאר פארט, איבער וואס?
איבער עפעס דארט א נאריש אות,
וואס הייסט "תיו",
און שטייט ביים סוף פונם "אלף-בית".
היינט, גיי ווייס,
פארוואס דער קאפ איז פול מיט רויך,
און אין הארצן א געראנגל,
ווי ביי מוטער, רבקה, אין בויך?
סיידן, נאר דערפאר,
וואס דער מענש איז במחילה, א גרויסער נאר,
און ער קאן דעם שכל ניט באנעמען,
אז דער "תיו" קומט ניט צו קלעמען,
נאר גאר צו באפרייען,
דער "אלף-בית" זאל אויף אייביק
זיך שוין באנייען...

א מעשה מיט מן

(מאמע־לשון מיט א לשון־קודש'ן גראם)

אן אמעריקאנער ארכיאלאג האט געגראבן
דאס אידן־לאנד
פון באר־שבע ביז דן,
און האט ניט געפונען די גלאז-צנצנת מיטן מן.
א קליין אינגל-נער קטן
האט יא עפעס א זאג געטאן:
דארט אין גארטן־שם בגן!
האט דער וועכטער אים א פרעג געטאן:
וואוהין-לאן?
דו, לידיק גייער-בטלן!
פארשטייט זיך-כמובן,
אז דער ארכיאלאג איז ארוים מיט לשון:
בעדער־בלן,
מערדער-חבלן,
אין וועלכן געהיימן ארט-חביון
האסטו באהאלטן-טמון .
דעם מן ?
איז דער וועכטער אבער אויך א גרויסער-גדלן,
האט ער זיך א דריי געטאן
קרום-קיילעכדיק-באלכסון,
און מיט שפאט־לצון
א זאג געטאן:
אזוי ווי איר זייט א אלץ-ווייסער-דעתן,
גיב איך אייך א געשאנק-דרון
דעם פאראיאריקן אפיקומון,
נאר ניט דעם פאר פיר טויזנט יאריקן מן!
איז דער אמעריקאנער אבער ניט פון די
פארגעבער־מחלן,סלחן,
נאר א אפגעבער־א חזרן,
איז ער ווידער ארוים מיט לשון:
דו,פלאקסיווע8זבלגן,דלפן,
איך בין א געשעפטסמאן-סחרן,
און וועל ניט פארשווייגן
קיין באליידיקונג-עלבון.
איך גיב די א משכון-פקדון,ערבון
אז מיט דער צייט-בזמן
וועל איך ארייננקריגן דעם מן.
איך וועל ווערן א פארשווענדער-פזרן,
איך וועל אויסגעבן מיין גאנץ פארמעגן־הון.

דו, אבער ביסט א פויער־פגן,
א שרעקעוודיקער־פחדן
האז־שפן.
און ער האט א געשריי געטאן:
האר־אדון,רברבן!
וועסט באלד ווערן א באפרייטער־פרקן,
אן אויסגערוטער־שבתן
אויפן בית עלמן,
אויב דערלאנגסט ניט שנעל־בחפזון
דעם מן!
האט דער שומר דערזען אז ער איז
א צוגעדריקטער־מעכון,
איז ער געווארן פלייסיק־שקדן,
האט א ווייז געטאן
אינ ספר מלין דרבנן,
אז נאר אין חודש יוני־סיון
רעגנט מיט מן,
אבער פאר קיין פאל־בלי שום אופן
אינם חודש מרחשון.
האט דער אמעריקאנער דערזעען אז דער
שומר איז א געלערנטער־בר אוריין,
און האט זיך אפגעטראגן
ווי א קוריער־אחשתרן.

אין טאג פון דין

שטייט פארן כסא־הכבוד און טענה'ט
הזזא, דער שר פון מצרי'שן פאלק:
—גאט,דער וואס טוט תמיד גערעכטיקייט
זאל אפטאן א זאך אין איילעניש,אן טאלק?
פארוואס ווילסטו מיינע קינדער דערטרינקן,
דערפאר וואס זיי האבן דיינע פארשקלאפט?
זיי האבן דאך געקראגן טאפלט פארגיטיקט —
מיט גאלד און זילבער פאר זייער קראפט.
האבן מיינע קינדער ווען עס איז דיינע
דערטרונקן,
אדער געטויט כאטש איינעם פון זיי?
זעסט דאך אליין ווי אומשולדיק זיי זיינען,
ריין פון זינד,ווי אקארשט געפאלענער שניי!

צונויפגערופן האט גאט די מלאכים פון הימל,
און געזאגט צו זיי האט ער: "משפט איר!
צווישן די וואס ווידערשפעניקן אין מיין ווארט
און די וואס שפרייטן זייערע הענט צו מיר:
אנגעשיקט האב איך א הונגער אויף מצרים,
אין די פארגאנגענע טעג, ערשט ניט לאנג,
האט יוסף, מיין געליבט קינד,דורך זיין חכמה,
געראטעוועט דאס לאנד פון אונטערגאנג.
ווען מיינע קינדער זיינען שפעטער אין מצרים
געקומען,
האבן די מיצרים פאר קנעכט זיי געמאכט;
געשריגן האבן מיינע קינדער צו מיר פון
קורצן אטעם,
פון שווערע ארבייט טאג און נאכט.
געשיקט האב איך צו פרעה'ן משה און אהרן,
מיינע באגליבטע שלוחים, די צוויי,
זיי האבן גערעדט צו אים אין מיין נאמען,
און ניט געוואלט הערן האט ער צו זיי.
געשטראפט האב איך אים, נאר ר'האט זיך
פאר'עקשן'ט,
און נאך שווערערע קייטן ארויפגעלייגט
אויף זייערע הענט,
איצט, ווען איך האב פונם שווערן יאך
באפרייט זיי,
ווערט פרעה פון כעס שיער ניט פארברענט!"

די הימלשע ריכטער האבן א פסק ארויסגעטראגן:
"געדעכט איז גאט! און זיין משפט איז געדעכט!
פרעה און זיינע חיילות פארדינט האבן די שטראף,
פאר נעמען א פריי פאלק און מאכן זיי פאר קנעכט!"

האט האזא זיך געבעטן: "האר פון אלע וועלטן!
פארדינט האבן מיינע קינדער די געטליכע שטראף,
נאר האב רחמנות אויפן באשאף פון דיינע הענט,
און ווארף זיי ניט אין די שטורמדיקע כוואליעס
פון סוף!"

איז דער מלאך גבריאל ארועקגעפליגן אין מצרים,
און געבראכט פון דארט א שטיק פון א וואנט,
וואו א אידיש קינד איז איינגעמויערט דארט געווען,
מיט בלוט און טרערן, פון א טאטעשער האנט.

—האר פון דער וועלט! וועסטו רחמנות האבן אויף
מענשן,
וואס האבן אומשולדיקע קינדער אזוי אכזריות׳דיק
געטויט?
דאס האט פארשטומט דאס מויל פון שר האזא,
און זיינע בעטנדיקע אויגן צעברענט האבן זיך
פיבער־רויט.

די וואסערן פון ים האבן זיך א שפאר געטאן
אויף צוריק,
און די מיצרים דערטרונקן אין איין אויגן בליק.

געטראפן האט די שטראף אין דער פרימארגן־שעה
ווען די מלאכים זאגן שירה צו גאט.
פארזאמלט האבן זיך אלע מלאכים אין הימל
און אנגעהויבן לויבן גאט און זינגען:
אדושם אחד!

"די באשעפענישן פון מיינע הענט טרינקן זיך
אין ים,
—איבערגעשלאגן האט גאט זיי דעם פרימארגן־שיר —
און איר פרייט זיך ווי קינדער פון פלייש און
בלוט
און זינגט נאך לויב געזאנגען צו מיר?"

ארויסגעווארפן האט דער ים די טויטע מצרים
אויפן ברעג,
און געזאגט האט ער מיט עקל צו דער ערד:

"נעם דיר דיינע קינדער, די אומריינע פגרים,
נעם דיר אויך דעם רייטוואגן און דאס פערד!"

געענטפערט האט די ערד אין איין ציטער,
ווי א בוים געשמיסן פון געוויטער:
"איך געדענק נאך די קללה וואס גאט האט מיך געשאלטן,
ווען איינגעזאפט פון הבל'ן האב איך דאס בלוט,
ווי גרוים זיין די שטראף וועט פאר אזויפיל טויטע,
ווי אפט ארונטערלאזן אויף מיר וועט זיך די רוט?"

–איך וועל ניט באשטראפן דיך פאר צונעמען די טויטע –
פארזיכערט האט גאט דער איבערגעשראקענער ערד.
די ערד האט געעפנט דאס מויל ווי אין א געניץ
און איינגעשלונגן מענשן,רייטוואגן און פערד.

דאס פעקל ...

די וועלט איז אלט געווען צוויי וואכן.
אדם איז נאך ווי אא חיה ארומגעקראכן
און געגנומען א שפאציר,
אויף אלע פיר.
און חוה ,זיין ווייב
איז מיטן נאקעטן לייב
טעג און נעכט ארומגעלאפן –
און גארניט האט געטראפן.
און ווען דער נחש האט געוואלט
מיט חוה'ן ראמאנסירן,
האט זי ניט געוואוסט ווי זיך אויפצופירן.
זי האט א שאקל געטאן מיט איר קעפל,
האט זיך איינגעביסן אין א פעל,
קאקעטיש זיך צעלאכט
און ויברח געמאכט.

אין יענע טעג איז עס געשען:
חוה האט דערזען
אויפן זאמד א פעקל,
ליגט זיך אזוי, ביים ברעג
פון טייך חדקל,
וואס רינגלט ארום דאס גאלדן לאנד,
פון ראנד צו ראנד.

האט זי זיך צעשריגן אויפן קול:
ס'זאל אים זיין דאס לעצטע מאל!
ער וויל מיך אונטערקויפן.
מען דארף אנטלויפן,
פון אזא פארשוין.
דאס האט ער,
דער
נחש ,מיין קרוין!

אהער עס געבראכט
אין א פינסטערער נאכט.
ס'איז א געפאר!
נאר כ'בין ניט קיין נאר.
ס'וועט זיין גענוג,
אז כ'וועל געבן בלויז א קוק!

חוה האט גענומען דאס פעקל
ארומשמעקן,
פאווואלינקע אפדעקן.
פלוצים האט גענומען
ארום איר זשומען
-אך!
ווער האט עס געטאן מיר אזא שטאך?
ס'טוט וויי —
האט חוה געטאן א געשריי.
–הער אויף צו שרייען,
דו, ווילדע ציג!
א דאנק פארן באפרייען.
איך בין א פליג,
און זיי אלע זיינען פליגן,
וואס פארשאפן דעם מענטשן
א קליינעם פארגעניגן.
איר וועט אונז אסור בענטשן.
איך בין "האס"!
און מאכט ווער א שפאס,
א קאטאוועס,
מיט איך דאס אויס מיט סם־המות.
מעגסט זיך צוהערן,
מ'וועט זיך שוין דם שונאים ווערן.
און דער, איז דער גאנצער באלעבאס.
ער פירט יעדן איינעם פאר דער נאז.
דאס איז דער יצר הרע.
ער גיט א טארע
און מאכט אן די אמתע בורע.
און יענע,
איז דעם מענטשנס גרעסטער שונא.
אומגעריכט
לעשעט עס אויס זיין ליכט.
און די, איז די גאלדענע פאווע.
זי שיסט מיט פיילן פון תאווה;
שיסט זיי אזוי לאנג,
ביז זי מאכט דעם מענטשן קראנק,
צעלעכערט אים דאס הארץ
און מאכט עס נאך אויך ברודיק־שווארץ...
און די, מיטן פולן מויל מיט פינע,
דאס איז די "קנאה",
זי ווייסט שוין גארניט פון קיין מאס.
גיסט ווער אן זיין כוס
מיט וויין,

גיסט זי אין אים איר סם אריין.
און די, מיין טייערע, חוה,
דאס איז די "גאווה".
זי טרייבט איבער וואלקנס צו שוועבן,
דאס גאנצע לעבן.
פארדרייסט דעם מענשן דעם קאפ,
צו קוקן אויפן חבר פון אויבן אראפ.
און יענע, מיטן קלוגן שמייכל,
דאס איז דער "שכל".
ער מאכט דאס הארץ קלעמען,
צו פארשן דאס
וואס
דער מוח קען ניט באנעמען.
צו וועלן וויסן וואס מארגן וועט טרעפן –
ווען דער "איצטער" טוט דיך פלעפן.
און יענע פרויקע,
דאס איז די "מחלוקה".
די שוואכסטע פליג
רייצט זי צו קריג.
זי נוצט ניט קיין כוח,
קיין מוח,
זי בייטט שטילערהייט –
און טויט.
און די, איז פון די ריכטיקע פליגן,
דאס איז דער "שקר" דער "ליגן".
מ'קען פון אים ניט אנטלויפן,
און אויך ניט אונטערקויפן.
ער גייט דורכט זיך פאראויס,
און גיט גאר פון הינטן א שטויס.
און יענע, וואס איז שווארץ ווי די נאכט,
דאס איז די "מאכט".
זי פלייסט זיך צו געפעלן,
מען זאל פאר איר דאס לעבן איינשטעלן.
זי רעדט פון אויסלייז, גאולה,
ביז זי קריגט אריין די ממשלה.
דאן הויב זי אן ווי א קארוסעל זיך דרייען,
ביז זי צעריסט אירע הבטחות אין צווייען.
הכלל,
ס'האלט שמאל
מיט דיר.
ווי איז מיר
פאר דיין גאלדן לעקל,
האסט איינגעהאנדלט דאס ריכטיקע פעקל!

נאר ס'איז פאראן אויך א שטיקל טרייסט:
זעסט
יענעם שמעטערלינג?
וואס טראגט כלומרשט באלזאם אויף זיין צונג.
דאס איז די "האפענונג".
אין שווערע מינוטן,
ווען דאס הארץ נעמט בלוטן,
און שווער ווערן די ליידן,
קומט די "האפענונג" מיט אירע פאלש צוגעזאגטע
פריידן;
און גיט צו מוט,
צו קעמפן ביזן לעצטן טראפן בלוט...

פאר אייך - פאר מיר

פאר אייך : די טעג
פאר גרויסן האנדל;
יעדער נייער טג –
א שטיק צוקער־קאנדל.
איר ווערט אלץ וואס רייכער,
און פאשעט זיך בייכער.

פאר מיר: די נעכט
פאר ריטם און גראם;
יעדע נייע נאכט –
א פריש לאגל סם.
און מיין גוף אלץ ווערט
וואס מער אויסגעצערט...

פאר אייך: די טעג
פאר נעמען און געבן;
פאר אייך ברענגט דער טאג
די בשורה פון לעבן.
פאר מיר: די נעכט
פאר ווארט און קלאנג;
פאר מיר ברענגט די נאכט
דעם אנזאג פון פארגאנג...

דער פליסיקער

ביי טאג און ביי נאכט
ארבייט דער טויט געשמאק;
ער האקט דעם מענטשנס טעג
מיט א שארפער האק...

ער נעמט די טעג צונויף
און וועגט זיי אויף א וואג,
און לייגט די האק ניט אוועק
ביז צום לעצטן טאג...

דערקען...

קום אהער, ר׳איד, און דערקען :
איז דאס דיין זינדעלעס פאן?
זיינע איז דאך ווייס־בלוי געווען,
און די איז רויט,ווי רויטער מאן!

-איך דערקען: מיין קינדס ווייס-בלויע פאן!
ער איז פארן לאנד פון די אבות געשטארבן!
א חיה רעה האט מיטן בלוט פון מיין קינד
די ווייס־בלויע פאן אויף רויטן געפארבן.

מיין קינד איז מיט איר אין שלאכט ניט געגאנגען,
נאר צום אקער גאר און צום צייטיקן שניט;
דאך איז קין אים פוס טריט נאכגעגאנגען,
געלויערט אויף אים אויף שריט און טריט.

איך דערקען: מיין קינדס ווייסע פאן,
און די פאן פון נאך קינדער,אין די מיליאנען;
נאכגיין וועט ווי א שאטן דער חיה רעה
זעקס מיליאן קדושים,געהילט אין רויטע פאנען!...

פון בן-סירא

(פראגמענטן פון מיין איבערזעצונג)

די טענה x)

איך בין געווען א ליב קינד צו מיינע עלטערן,
און זיי האבן מיך געליבט,
און דער גרוב האט זיי איינגעשלונגען, און איך
בין געבליבן אליין.
מיינע באקאנטע האבן זיך דערוויטערט פון מיר,
און האבן מיך פארלאזט,
און יעדער ברודער און יעדער פריינט איז פון
מיר אנטלאפן.
איינזאם האב איך געבלאנדזשעט איבער שטעט
און דערפער,
און פון פיל וואגלען בין איך צוריק-געשטאנען
און געווארן אלט.
וואלטן פרעמדע מענטשן מיך ניט אריינגענומען,
וואלט איך איצט געשלאפן דעם אייביקן שלאף.
איך האב צו זיי דערציילט די אויפטואונגען
פון מיינע עלטערן,
און וואס גאט האט געטאן דורך זייערע הענט.
זיי האבן געגלויבט אין מיין אמתן עדות-זאגן,
און האבן דאס פארשריבן אין א ספר, ער זאל
ניט פארלוירן גיין.
איך האב זיך ביי זיי פארזאמט טעג און יארן,
ווייל זיי האבן אנגענומען מיינע רייד,
טייערער פון וויין,
און צו מיין פאלק האב איך ארויסגעקוקט
מיט א פארשעמט פנים,
נאר מיין פאלק האט מיך דערנידעריקט
מיט אן אויג פון גדלות.

ברידער מיינע! ווארום זאל איך באהאלטן
ווערן אויף פרעמדער ערד?

x) דאס איז די טענה פון דעם ספר בן-סירא _ ווי
אויך פון אנדערע אויסגעשלאסענע כתבי-קודש _ צום
אידישן פאלק, ער זאל אים ניט פארשטויסן פון זיך
און אים אויסשטרעקן א ברודער-האנט, ווי אן
אייגענעם.

איז דען פאראן ליגן אין מיין מויל,
און פאלשקייט אויף מיין צונג?
זאגט מיר, וואס איז מיין זינד,
און וואס איז מיין שולד?
האט איר גארנים מורא צו זינדיקן אין אייער
אייגן בלוט?
ווייל דאס עדות פון אייערע עלטערן פרעמדט
איר אפ.

זעט, איך בין אנטרונען געווארן, ווי א הירש
פון דער נעץ,
ווייל עס האט מיך דערדווארמט דאס געפיל צו
מיין פאלק און לאנד.
נאר איידער כ'האב אנגעהויבן זיך צו רירן,
האב איך מורא דערנעענטערן זיך,
טאמער וועט איר אומקערן אן אקסל צו מיר;
און איך וועל ווערן פארלוירן.
באדענקט זיך, מיינע ברידער, און האלט ערליך
דעם אנדענק פון אונזערע עלטערן,
ווייל נאר די וואוילטאט פון גאט און זיין
לויב איז אויף מיינע ליפן.

דער מענטש

גאט האט באשאפן דעם מענטש פון דער ערד,
און צו דער ערד קערט ער אים אום.
ווייניק טעג האט ער אים צוגעטיילט
אויף דער ערד,
און אים געגעבן אן אויבערמאכט
איבער אלע באשעפענישן.
אין זיין אייגענעם געשטאלט האט ער דעם
מענטש באשאפן,
און מיט זיין אייגענעם כוח אליין אים
געשטארקט;
ער האט ארויפגעגעבן אויף אלע באשעפענישן
פחד פארן מענטשן,
און אים געגעבן אן אויבערהאנט
איבער דער חיה און עוף.
צוגעטיילט אים פארשטאנד,
און א צונג און אויגן,
אויערן און א הארץ, אים געגעבן, צו פילן.
ער האט אים געגעבן וויסן און פארשטאנד
צו מאכן א צווישנשייד פון גוטס און שלעכטס.

ער האט געלייגט זיין אויג אויפן מענטשנס הארץ,
אים צו ווייזן די גרויסקייט פון זיין אויפטו.
זיינע אויגן האבן געזען די פראכט פון גאטס
שיינקייט,
און זיינע אויערן האבן געהערט דאס זיסקייט
פון גאטס קול.
און גאט האט געזאגט צום מענטשן, היט זיך
פון אלע שלעכטיקייטן,
און אים געגעבן געבאטן ווי מיטן שכן צו
באגיין.
אלע זיינע וועגן זיינען אפן פאר גאט,
און קיין באהעלטעניש איז נישטא פאר זיין אויג.

וועגן ארבעטער און לערנער

דער וואס טראכט וועגן גאט זאל ניט ווייסן
פון ארבעט,
און יענער וואס גריבלט זיך אין גאטס לערע
זאל ניט ארבעטן שווער.
דער וואס אקערט דאס פעלד, ווי קאן ער קלערן?
און ווי קאן דער לערנען, וואס גייט נאך דעם
אקער?
אין ארבעט און אין פראצע ווערן זיינע יארן
פארשלונגן,
און מיט אקסן פירט ער זיין געשפרעך.
זיין קאפ איז פארנומען מיט באארבעטן
די פעלדער,
און זיין פרימארגן און פארנאכט
איז צו די רינדער געווענדט.
אזוי דער מייסטער פון אלץ און דער מייסטער
פון שטיין —
טאג און נאכט ווייסן זיי ניט פון קיין רו.
זיי אלע, גיבן איבער זייערע הענט צו דער
ארבעט,
און יעדער איינער זוכט א תכלית אין זיין
פאך.
אן זיי וואלט קיינמאל א שטאט ניט דערמאנט
געוואָרן,
און ס'וואלט אין איר קיין מענטש ניט געוואוינט
אויך ניט געגעכטיקט.
זיי פארנעמען קיינמאל ניט דעם ריכטער-שטול,
און דער לעצטער פסק קומט ניט ארויס
פון זייער מויל.

ווייל דאס באדערפעניש פון ידער וועלט
איז אין זייערע הענט,
דערום קניען זיי אונטער דער ארבעט
טאג און נאכט.

אבער דער וואס הייליקט זיין געדאנק
צו גאטס תורה,
און זיינע טראכטעניש זיינען פארנומען
מיט איר;
ער, וואס הערט די חכמה פון די אלטע לייט,
און גראבט זיך אין דער טיפעניש פון זייער
געדאנק —
ער וועט ארייינדרינגען אין זייערע פארהוילעניש,
און די פאבל און דאס שיין־ריידן וועלן אים
זיין קלאר.
ער וועט זיך שטעלן פאר הארן און פרינצן,
און וועט זיין א היימישער אין די הייזער
פון די געהויבענע.
ער וועט דורכרייזן פרעמדע לענדער אין דער לענג
און דער ברייט —
ווייל ער האט געפארשט דאס גוטס און שלעכטס
פון מענטש.
ער וועט געבן זיין הארץ צו גאט
אין די פרימארגנס,
און וועט לייגן זיינע רייד פאר אים אין אוונט.
ער וועט עפענען זיין מויל אין געבעט,
און וועט בעטן פארגעבונג אויף זיינע זינד.
ער געפינט חן אין גאטס אויגן,
גאטס חכמה טוט שיינען אויף אים.
זיינע קלוגע רייד טריפן ווי א רעגן,
און ער לויבט און דאנקט גאט אין זיין געבעט.
זיין גאנץ וויסן איז צו גאט געווענדט,
צו פארשטיין זיין פארהוילענע חכמה...

דאס וויסן וואס ער האט באנומען
אנטפלעקט ער אין די טויערן,
און זיין לויב איז תמיד גאטס תורה.
פיל וועלן לויבן זיין גרויס פארשטענדעניש,
און זיין באשטאנד וועט זיין אויף אייביק.
זיין דערמאנונג וועט בלייבן אויף תמיד,
און זיין נאמען וועט לעבן דורות לאנג.

פעלקער וועלן דערציילן זיין קלוגשאפט,
און אין דער עפנטלעכקייט וועט מען אים דערמאנען.
טויזנטער וועלן אים לויבן ביי זיין לעבן,
און נאך זיין טויט - נישטא קיין צאל צו זיינע
רימער.

די חכמה

די חכמה קומט פון גאט,
און זי וואוינט מיט אים אויף אייביק.
ווער האט געציילט דעם זאמד פון ים,
און די רעגנטראפנס?
און ווער האט אויסגערעכנט
די טעג פון דער אייביקייט?

ווער האט געמאסטן די הייך פון די הימלען,
און די ברייט פון דער ערד;
און די טיף פון דעם ים?
און ווער האט אויסגעפארשט גאטס חכמה? -
די חכמה איז באשאפן געווארן פאר אלעסדינג,
און דאס פארשטענדעניש - נאך פאר דער
אייביקייט.
דאס דערקענען-גאט, איז דער קוואל פון חכמה,
און זיינע געבאט זיינען אירע וועגן.

צו וועמען זיינען אנטפלעקט דיווארצלען
פון דער חכמה?
און ווער קאן פארשטיין די טיפענישן
פון אירע געדאנקען?
די לערע פון חכמה - צו וועמען איז באוואוסט?
און ווער קאן אויספארשן אירע פארבארגענע
דרכים?
- דער איינ-און-איינציקער-מלך,
דער מעכטיקער און פארטיקער,
וואס זיצט אויף זיין טראן:
ער האט זי באשאפן,
זי באטראכט,
און איר ארויסגעבראכט,
און זי אויסגעגאסן אויף אלע זיינע
באשעפענישן.
אין יעדן באשאף מיט זיין חסד זי געפלאנצט,
און זי אויסגעטיילט צו די וואס פארכטן אים.

גאטס פארכטיקייט —
איז די קרוין פון חכמה,
די וואס געפינען זי
האבן געפונען לעבן און פרידן;
און אלע וואס האבן זי ליב —
ירשענען כבוד!

זי (די חכמה) האט געעפנט איר מויל
און האט אזוי געזאגט:
איך קום ארויס פון מויל פון גאט
און האב פארדעקט די ערד ווי א וואלקן.
מיין ארט איז אין די העכסטע הויכקייטן —
אין די הימלשע וואלקנס איז מיין טראן.
אין די הימלשע גרעניצן האב איך זיך
איינגעפאסט,
און אין דער טיפעניש פון דער טיף
געשטעלט מיינע פיס.
אין די כוואליעס פון ים,
אויף דער גאנצער ערד,
און אין יעדן מענטש און פאלק
האב איך א פארמעג.
אזוי האט דער באשעפער פון אלעמען מיר
פארזאגט.
ער האט מיך באשאפן נאך איידער ער האט
די וועלט באשאפן,
אז דא זאל זיין מיין ארט.

קומט צו מיר אלע וואס גארן נאך מיר,
און עסט צו זאט פון מיין פרוכט.
ווייל מיין ווארט איז זיסער נאך פון האניק,
און זיסער פון האניק-קעמל זיינען מיינע רייד.
אז די וואס עסן מיך —זעטיקן ניט זייער הונגער,
און די וואס טרינקן מיך — שטילן ניט זייער
דארשט.
די וואס פאלגן מיך וועלן קיינמאל ניט פארשעמט
ווערן,
און די וואס חברן זיך מיט מיר
וועלן ניט וויסן פון קיינע שטרויכלונגען.

שיר היחוד

(לויט שמואל בן קלונימוס, געלעבטביים סוף
פון 12טן יארהונדערט)

(סאנעטן-רינג)

א

איך וועל מיין גאט און דעם גאט פון מיין פאטער
לויבן:
ער געדענקט דעם בונד מיט די אבות געשלאסן;
טויזנט יאר, ווי דער נעכטיקער טאג, וואס פארפלאסן,
זיין בארמנערציקייט שטראלט, ווי די זון אויבן.

דער גאט וואס לעבט אייביק, איז מיין חלק אין
לעבן,
גוטסקייט און שיינקייט פון אים טוט זיך ציען,
אונדזערע אויגן זאלן זען, ווי ער קומט צוריק
קיין ציון,
צו אים און זיין הילף זיינען מיר איבערגעגעבן.

ווי א עפלבוים אין בלי, טוט זיין ליבשאפט דופטן,
ער וועט קומען צו אונדז ווי א באלבנדיקער רעגן;
ווי שפריי און ווי טוי, און צום לעבן אונדז
וועקן,
זיין שטאלץ אונדז אריבער פלאטערט אין לופטן.

צו אים און צו זיין הילף בין איך איבערגעגעבן:
מיין ליכט און מיין הילף און גבורה פון לעבן.

ב

מיין ליכט און מיין הילף און גבורה פון לעבן.
אזוי ווי א צעדער אין גרויסקייט און חשיבות,
אזוי ווי א גרינער ציפרעס אין עניוות,
אלץ פארמאגט ער, מען זאל עפעס צוגעבן.

צו אן הירש און א אינד איז מיין געליבטער
געגליכן,
ווי א אדלער, וואס טוט איבער די עופהלעך
שוועבן;
און אונטער די פליגלן באשיצט ער מיין לעבן,
זיין חסד וועט איבער מיר זיך שפרייטן אינגיכן.

דער כוס פון מיין לעבן און פעלז פון מיין הארצן,
דער מלך פון יעקב און שוץ פון אונז אלע;
אין אים און דורך אים ווערן מיר נתעלה,
מיין לייב און מיין זעל נאך אים טועך שמאכטן.

ער האט אין מיר ארייגעבלאן א רוח פון לעבן,
צו אים טו איך האפן, צו אים טו איך שטרעבן.

ג

צו אים טו איך האפן, צו אים טו איך שטרעבן:
די האפענונג פון ישראל, פון לעבן די קוואלן,
וועל איך ניט פארלאזן, צו אים וועל איך פאלן,
מיט אלץ וואס זיינס, וועל איך זיך איבערגעבן.

באגלויבט איז ישראלס אייביקייט, מיר וועלן הארן,
דער פאנצער פון הילף און מיין שווערד פון נקמה;
נאך דיין זכר און נאמען לעכצט מיין נשמה,
וואויל די וואס האפן, ער וועט אונז ניט נארן.

די אייביקייט פון ישורין איז גאט דער באגלויבטער,
אונזער לאמפ איז גאט, וואס טוט איבער אונז שטראלן;
זיין ווארט — אונזער ליכט, טוט צופוסנס אונז פאלן —
יהודה איז נאך נישט פון זיין גאט — קיין בארויבטער.

זיין בארעמהערציקייט שיינט ווי די זון אויבן,
מיין פעלז און דערלייזער באשיינען, דערהויבן.

ד

מיין פעלז און דערלייזער באשיינען, דערהויבן,
איז ווייט דאך פון אלץ און זעט אלץ מיט די אויגן;
איז הויך און זעט אלץ, וואס איז נידעריק
און געבויגן —
מיין גאט און מיין קעניג, מיין זון-ליכט און
גלויבן.

גרויס איז זיין חסד אין ליכט אין זיין העלן,
דערבארעמיק איז גאט און היילט אלע וואונדן;
געבראכענע הערצער מיט רחמים פארבונדן:
"אז גאט איז מיין פאסטעך — וואס נאך טוט מיר
פעלן?!"

ער קומט ווי א העלד, ווי א מאן פון מלחמה,
אזוי ווי א אדלער אויף מעכטיקע פליגל,
טראגט ער זיינע קנעכט און גלייכט אויס בארג
און היגל,
צאלט אפ זיינע שונאים מיט כעס און נקמה.

ער ווארפט א שרעק אויף זיי, א מורא און ציטער:
דער גאט און באשעפער און האר און געביטער.

ה

דער גאט און באשעפער און האר און געביטער:
צו קליין זיינען אלע לענדער דיך אויפצוהאלטן,
און אויך דער הימל קען דיך נישט אויפהאלטן,
דערגרייכסט יעדן ווינקל, ווי א שטורם א געוויטער.

דו ביסט דער באשעפער פון אלץ, פון לייב
און פון גייסטער,
דו האסט פארצויגן דעם הימל אזוי ווי א קלייד;
די ערד איבערן וואסער צעשפרייט און צעשפרייט,
און ווי קען מען גלייכן דאס ווערק צו זיין
מייסטער?

קיין שטיצער וואס זאל שטיצן דיך, איז נישט
געווען,
האסט אלץ, וואס דו באגערסט, אליין באנומען,
און ביסט צו קיינעמס הילף נישט אנגעקומען,
דורך דיר און דיינע הענט איז אלץ געשען.

דו ביסט דער האר און אויך אליין דער פועל,
באשעפער פון אלץ און מיין ליכטיקער גואל.

ו

באשעפער פון אלץ און מיין ליכטיקער גואל:
האסט זיך ניט אנגעשטרענגט און זיך נישט
געמיט,
און אין דיין ארבעט האסטו זיך נישט
איינגעמידט,
דורך דיין ממרא געשטיגן מחיל לחיל.

ווייל אלע באשעפענישן זיינען געווארן
דורך דיין ווארט,
קיין זאך נישט פארשפעטיקט, קיין זאך נישט
געאיילט,

געפורעמט אלץ און געשליפן, געפיילט,
און דורך דיין זאג איז אלץ געקומען אויפן ארט.

פון גארנישט און גארנישט, האסטו אלץ באנייט,
און אויף א יסוד אלץ געגרונטפעסטיקט, געשטעלט,
און בלויז אויף דיין רצון אנגעהאנגען די וועלט,
און אפגעטאן אלץ, און געצייג, אין דער צייט.

אלץ האט געפאלגט דיך, צוגעהערט צו דיין קול,
געבענטשט איז אויף אייביק דער גאט פון ישראל!

ז

געבענטשט איז אויף אייביק דער גאט פון ישראל!
ביי דיר אין די אויגן איז קיין זאך נישט שווער,
ס'האט אויפגעבליצט אלץ פון דיין וואונטש און
באגער,
פון דיין ווילן זיך געשמאלצן, אייזן און שטאל.

נישט געפעדערט, נישט פארשפעטיקט אלץ אויף דער
ערד,
און פריער איז קיין ארבעט, ווי דיין ארבעט,
נישט געווען,
פון דיין חכמה האט אלץ זיך געשטעלט און געשען,
לויט דיין ווארט, נישט געמינערט און אויך נישט
פארמערט.

מיט חכמה האסטו אנגעהויבן אלץ אויסצוגיסן,
די ארעמס פון דער וועלט טראגן אלצדינגס באהיט,
פון אנהויב ביז סוף, און ווערן נישט מיד,
און אלץ פארענדיקט מיט פארשטאנד און וויסן.

דער גורל פון כל חי מיט זיין האנט שמידט ער,
דער פירשט פון מיין יוגנט, מיין שאטן און היטער.

ח

דער פירשט פון מיין יוגנט, מיין שאטן און היטער,
האט ווי מיט א קלייד, זיך אין ליכטער געהילט;
אין פראכטיקע פארבן, געשעמערירט, געשפילט,
געבלענדט ווי דאס מעסער אין האנט פונה שניטער.

פון אנהייב און ביז צום סוף, האסטו אלץ געמאכט,
און נאך איידער האסט געפורעמט די מעשים פון
דיינע דענט,
האסטו שוין דיין חסד אויף זיי אנגעווענדט,
מיט אמת און יושר און גוטסקייט און פראכט.

איז דו גיסט זיי ליב — ווער קאן טאדלען און
זינען?
האסט גארנישט פארפעלט און האסט גארנישט
פארמערט,
און קיין זאך באשאפן, וואס האט נישט קיין
ווערט,
דעם מינדסטן פעלער אין אלץ נישט צו געפינען.

פול מיט גנאד, ווען הענט צו אים זיך שטרעקן,
א גיבור, ווען ס טוט זיך זיין צארן דערוועקן.

ט

א גיבור, ווען ס'טוט זיך זיין צארן דערוועקן:
נישטא קיין אנטרינונג, קיין פינצטערע שפאלטן,
וואהין צו אנטלויפן, וואהין זיך באהאלטן,
ער איז צעשפרייט איבער דער וועלט, אין אלע
פיר עקן.

ווייל אלץ מיט אמאל טוען זען דיינע אויגן,
וועגן איינצלנעם, ווי וועגן פעלקער צוזאמען;
באסליסט אין איין רגע, און טוסט ניט פארזאמען,
טוסט אלץ מיט אמאל, ס זווערט קיין זאך ניט
פארפלויגן.

פארנעמסט אין איין רגע די שטימען פון תפילה,
באגרייפסט מיט איין קוק זייער גלויבן און האפן;
ווייל אלעמענס הערצער פאר דיר זיינען אפען,
געשריי און געוויין און די זיפצן די שטילע.

נישטא קיין מידה, וואס אין אים נישט צו געפינען,
איז שטאלץ און באלוינט די שטאלצע, ווי זיי
פארדינען.

י

איז שטאלץ און באלוינט די שטאלצע ווי זיי
פארדינען:
אין א ווינקל, א פעטן פארפלאנצט א גארטן,
דער מענטש, דער באשאפער,וואוינען זאל דארטן,
זיסע חלומות, אין די ווינטער־נעכט שפינען.

דו האסט אים א ווייב, א געהילף, אים געגעבן,
און אלץ וואס באשאפן, אים געגעבן אין האנט,
געלייגט צו די פיס אים, ס׳איז זיינס גאר דאס
לאנד,
זאל האבן אלצדינג, וואס עס פעלט אים צום לעבן.

געבענטשט און געאכפערט איז דיין הייליקער נאמען!
מיט חכמה האסטו זיין הארץ אויפגעשטעלט,
און האסט אים געפורעמט אין דיין אייגן געשטאלט –
און מיר וועלן אלע די דאנקן; אמן!

די געפאלענע טוען זיין גנאד געפינען,
די הויכע, דערהויבענע טוען צורינען.

יא

די הויכע, דערהויבענע טוען צערינען.
דו דארפסט לאנג ניט טראכטן,זיך פיל ניט באראטן,
דיין ראט און דיין זאג קומט איינאיינעם מיט טאטן,
קיין זאך קען פון דיין אויג ניט אנטרינען.

די שונאים פארניכטעט ער מיט דונער און בליצן,
ביסט א ברודער געווען מיר אין טאג פון שרעקן,
נישט קורץ איז דיין האנט זיך אויסצושטרעקן,
ווען ווי פליענדיקע פויגלן דיין שטאט באשיצן.

מען קען דיך צו דיינע באשאפענע נישט גלייכן,
דיין מינדסטן פארלאנג נישט פארגעסן,פארשטעלט,
קיין איינציקע זאך האסטו נישט פארפעלט,
נישטא די הויכקייט זאלסט ניט דערגרייכן.

ער איז באגלויבט,די געשטארבענע צום לעבן
אויפוועקן,
פון זיין פראקטיקער שטאלץ ווער פאלט ניט
אין שרעקן?

יב

פון זיין פראקטיקער שטאלץ ווער פאלט ניט
אין שרעקן?
נישטא קיין זאך, וואס פון דיר איז פארבארגן:
אנטפלעקט פאר דיר שטייט דער נעכטן און מארגן,
קיין זאך טוט זיך ניט פון דיין זכרון אפמעקן.

דיין חכמה לויט דיין מאס, לויט דיין גרויסקייט –
דיין וויסן,
עס קען קיין מוח דיך נישט דערגרייכן,
באנעמען דיך – דער שכל טוט פארבלייכן,
דאס לעבן און חכמה פון דיר טוט פליסן.

ביסט געווען, איידער אלץ איז געווען געבארן,
באשאפן אלץ און זיך נישט אפגעשיידט פון מיטן;
פון גוף פון דיין ארבעט האסטו זיך ניט פארמיטן,
און אנגעפילט אלץ, ווען אלץ איז געווארן.

נישטא אין דיר קיין ווינציקייט און איבעריקייט,
נישטא קיין קלענסטע פגימה אין דיין דאאיקייט.

יג

נישטא קיין קלענסטע פגימה אין דיין דאאיקייט:
דיינע שאפונגען האבן דיר נישט איינגעדריקט,
נישט פארנומען,
נישט אפגעריקט, נישט געמינערט און נישט
פארשוואומען,
נישטא קיין גוף און רוקן צו דיין אייביקייט.

נישטא וואס ס'זאל פאנאנדערטיילן דיך איינמיטן,
קיין צופאל און קיין ענדערונג קען נישט
געמאלט זיין,
נישט צייט, נישט עפעס וואס, וואס האט געזאלט
זיין,
נישטא דער קלענסטער פלאץ פון דיר פארמיטן.

די פעולות פון גאט איז פארקניפט מיט זיין
רצון,
ער רינגלט ארום אלץ און טוט אלץ אנפילן,

װען אַלץ איז דאָ – ביסטו אין אַלץ מיט דײַן
װילן,
קײַן זאַך ניט פּערשפּעקטיק אין װעלקן אין
שפּראַצן.

ביסט אײנער געװען, און אײנער אין אײביקײט,
נישטאָ קײן איבעריקס אין דײַן אײניקײט.

יד

נישטאָ קײַן איבעריקס אין דײַן אײניקײט,
און ביז אײביק און אײביק װעסטו אַנדערש
ניט װערן,
און דו װעסט פֿון דײַן געטליכקײט מינדער
ניט װערן,
באַנײסט אַלץ – נאָר ניט דײַן געטליכקײט.

קײַן טויט און קײַן װײטאָק – פֿאַר דיר ניט
פֿאַראַנען,
עס רוען אויך דיר ניט קײַן עלטער און יוגנט,
קײַן פֿרײד און קײַן טרויער, קײַן אומרעכט
און טוגנט,
פֿון דרימל און שלאָף טוסטו קײנמאָל ניט אָנען.

ביסט דאָ – און אין אַלץ טוסטו זיך אײַנגעפּינען,
באַשאַפֿן אַלץ און זיך ניט אָפּגעשײדט פֿון מיטן,
פֿון גוף פֿון דײַן אַרבעט האָסטו זיך ניט פֿאַרמיטן,
אַלץ איז דאָ, און פֿון דיר טוט אַלץ אויסרינען.

אויף דעם אַלץ זאָגט עדות דײַן הײליקער נאָמען,
אין פּראַכט און אין אײביקער טיפֿערקײט, אָמן!

טו

איך װעל מײַן גאָט און דעם גאָט פֿון מײַן פֿאָטער
לויבן:
מײַן ליכט און מײַן הילף און גבֿורה פֿון לעבן;
צו אים טו איך האָפֿן, צו אים טו איך שטרעבן,
מײַן פֿעלז און דערלײזער באַשײנען, דערהויבן.

דער גאט און באשעפער און האר און געביטער,
באשעפער פון אלץ און מיין ליכטיקער גואל:
געבענטשט איז אויף אייביק דער גאט פון ישראל,
דער פירשט פון מיין יוגנט, מיין שאטן און היטער!

א גיבור, ווען ס'טוט זיך זיין צארן דערוועקן,
איז שטאלץ און באלוינט די שטאלצע, ווי זיי
פארדינען:
די הויכע, דערהויבענע טוען צורינען,
פון זיין פראכטיקער שטאלץ ווער פאלט ניט אין
שרעקן?

נישטא קיין קלענסטע פגימה אין דיין דאאיקייט,
נישטא קיין איבעריקס אין דיין איינקייט!

(שרייבנדיק דעם סאנעטן־רינג האבן מיר זיך
באנוצט מיט י.י. שווארץ איבערזעצונג פונם
"שיר־היחוד", מיט דער דערלויבעניש פונם
דיכטער.)

די לערע פון די לאַמעס

(„דו ביסט גאָט — און אַלע דײַנע באַשאַפֿענע זײַנען
דײַנע דינער און קנעכט,
עס ווערט דער כבוד דײַנער נישט פֿאַרשוואַכט
צוליב די יעניקע, וואָס דינען געטער אַנדערע
חוץ דיר,
דען די כוונה פֿון זיי אַלעמען איז צו גרייכן
צו דיר,
אָבער זיי זײַנען ווי בלינדע, וואָס זייער מיין
איז צו גיין מיטן קעניגלעכן וועג,
און האָבן נישט געזען און אַראָפּ פֿון שטעג.")

(שלמה אבן־גבירול.
אידיש, י. י. שוואַרץ)

א הין, אַז די רוט, ווערט מען אויף אירע אייעלעך
ניט געפֿינען קיין פלעק,
א פֿאַווע, אַז זי רוט, פֿאַרשענערט זיך נאָך מער
איר קאָלירטפֿולער עק;
א איידעלער פֿערד וויײַזט גראַציע אין זײַן טראַט —
דאָס געלאַסנקייט פֿונם צדיק איז דער סימן
אַז זײַן חכמה קומט פֿון גאָט.

אין דעם זעלבן אָרט וואו דער גרויסער האַר בודאַ
געפֿינט זיך,
ווער ווערט באַצייכענען וועלכעס עס איז אַנדער
מענטש אַלס גרויס?
ווען די זון גייט אויף, מעגן דאָרט פֿיל ליכטיקע
שטערן זיך געפֿינען אין הימל,
נאָר קיין איינער פֿון זיי זעט זיך ניט אַרויס.

א נאַר טראָגט זיך אַרום מיט זײַנע מעלות,
א קלוגער האַלט זיי פֿאַרבאָרגן אין זיך:
א שטרוי שווימט אויפֿן פֿלאַך פֿון וואַסער,
א טייערער שטיין אָבער, ווען מ׳לייגט אים אַרויף —
זינקט ער גיך.

א איש תמים, איז ווי טייערער מעטאַל, וואָגיק,
יעדער שאָט זײַנער, איז ביי אים איסגערעכנט
געוואָרן אין קאָפּ;

דער רשע – ווי דאס צינגל פון וואגשאל,
האט אלע מאל זיך געוואקלט, ארויף און אראפ.

דער מענטש פון קליינע מעגליכקייטן,
ביים פארלאזן זיך אויפן גרויסן מענטש,
וועט אויך עפעס געווינען;
א טראפן וואסער איז א קליינע זאך,
נאר וועט עס ווען אויסטרוקענען
ווען עס טוט זיך אינם טייך געפינען?

צו דעם, וואס עס איז אים באוואוסט די אמתע
נאטור פון זאכן,
וואס נויטיקט ער זיך שוין אין א לערער?
דער, וואס האט זיך אויסגעהיילט פון דער
קראנקייט,
צו וואס דארף ער האבן א רופא מערער?
דער וואס איז שוין אריבער דעם טייכס
וואסערן טיף,
צו וואס דארף ער נאך האבן די שיף?

– דעם שטערנזעער איז אנטפלעקט דער גאנג
פון דער לבנה און שטערן,
נאר ער האט קיין אנונג ניט אז זיינע אייגענע
בני־בית
טוען שטילערהייט דעם פונדאמענט פון זיין הויז
צעשטערן.

אין עסן, טרונקן, מורא און פארן זיך,
איז דער מענטש און די חיה גלייך;
דער מענטש שטייגט איבער די חיה מיט זיין
גלויבן אין גאט,
טא פארוואס זאל א מענטש וואס איז ניט פרום –
זיין פון א חיה ווייט?

כאטש פיל שטערן שיינען, און די לבנה שיינט
א פראכט,
דאך ווען די זון זעצט זיך –
ווערט נאכט!

די וויסנשאפט וואס לערנט קונסט און אנטווערק,
איז א וויסנשאפט ארויסצוקוועטשן פונם לעבן
וואס מער זאפט;

נאר די וויסנשאפט וואס לערנט דאס באפרייען זיך
פון דער נישטיקייט –
איז זי ניט די אמתע וויסנשאפט?

די נאראנים זיינען ווי בלעזלעך אויפן וואסער,
וויפיל וואס זיי טוען ווערט באלד פארווישט;
די רעכטפערטיקע אבער – ווי דאס קריצן אויפן שטיין,
זייער קלענסטער טאט ווערט קיינמאל ניט צוניכט.

א אפענע האנט מאכט וואקסן דאס פעלד אינם צווייטן
געבורט,
באשיידנקייט איז דער פאטער פונם מענטשלעכן גליק;
געדולד איז א צירונג וואס פאסט יען "איינעם,
געשעפט איז דער טרייבער איבער דער "אייגנטום"בריק,
מעדיטאציע איז די זייף וואס רייניקט א פארוואלקנטן
רעיון,
אינטעלעקט איז דעם מענטשנס שטארקסטער כלי־זין.

גיב אויף א שלעכטן מנהג, אפילו ווען דו האסט אים
פון דיינע עלטערן געקראגן;
נעם אויף א גוטע געוואוינהייט, אפילו עס האט זי
אנגענומען דער וואס האט דיך אמאל געשלאגן.
סם וועט מען אפשטופן, אפילו ווען עס דערלאנגט
אים א טאטע,
אבער גאלד וועט מען נעמען אפילו פון א שונא,
און זיך מאכן טאמעוואטע.

דער וואס ווייסט די געבאטן אויף אויסנווייניק,
און טוט פון זייערע בריסט ניט זויגן,
איז ווי איינער וואס צינדט אן א לאמפ
און מאכט צו די אויגן.

פון די שהיה־קינג

ווי אויסברענגעריש איז גאט,
דער הערשער איבערן מענטש אונטען!
ווי גרויס איז גאטס שרעק,
מיט א סך זאכן וואס זיינען סותר זיין פינקטלעכקייט.
דער הימל האט געגעבן געבורט צום פארמערונג פון די
מענטשן,
נאר אויף דער נאטור קאן מען זיך ניט פארלאזן.

אלע זיינען גוט אין אנהויב,
נאר זייער ווייניק ווייזן ארויס צו זיין אזוי
ביים סוף.

שטופ ניט פאראויס א וואגן –
וועסט נאר אויפהויבן דעם שטויב ארום זיך.
וויל ניט באארבעטן צו גרויסע פעלדער –
דער ווייץ וועט וואקסן בלויז אינם געדאנק.
וויל ניט געווינען אסך מענטשן פון ווייט –
דיין אנגעשטרענגט הארץ וועט גיך ווערן קראנק.

פון די "טאהא-טע קינג

עס איז פאראן א זאך וואס איז ניט געבארן
און נאטוראל,
וואס לעבט נאך פארן הימל און ערד.
ניט באוועגלעך און ניט דערגרייכבאר,
עס שטייט אליין און ענדערט זיך קיינמאל;
עס צעשפרייט זיך אומעטום און ווערט ניט מיד.
מען מעג עס באצייכנען אלס די מוטער פונם
אוניווערז.
איך ווייס ניט ווי אזוי מען רופט עס.
וואלט איך געווען געצוואונגען צו געבן דעם
א נאמען,
וואלט איך דאס אנגערופן "גאט", דאס אנגערופן
"דאס העכסטע".
דאס העכסטע מיינט אנגיין;
אנגיין, מיינט גיין ווייט,
גיין ווייט מיינט זיך אומקערן.
דערפאר איז גאט דאס העכסטע;
הימל איז דאס העכסטע;
ערד איז דאס העכסטע;
און דער מענטש איז אויך דאס העכסטע.
עס איז פאראן אין דער וועלט פיר העכסטע זאכן,
און דער מענטש איז איינער פון זיי.
דער מענטש גייט נאך די געזעצן פון דער ערד,
ערד גייט נאך די געזעצן פון דעם הימל;
הימל גייט נאך די געזעצן פון גאט,
גאט גייט נאך די געזעצן פון זיין העכסטער נאטור.

ניט ארויסגייענדיק פון יענער זייט טיר
קאן איינער זעען די גאנצע וועלט;
ניט ארויסקוקנדיק דורכן פענסטער
קאן איינער זעען גאט פון הימל.

דריטער טייל

פאבלן

די מאלפּע

א מאלפּע, האט א גאנצע נאכט
מיט אן אויג ניט צוגעמאכט:
–וואס קאן זיין די סיבה?
ליבע?
ווייס איך וואס!
אפשר עפּעס א פּארדראס?
– אבער, אויף וועמען?
(און די מאלפּע האט פאַרקלערט
א הויב געטאן די ברעמען.)
–יא, איך האב א פּארדראס,
אט וואס!
און טאקע אויף זיך אליין:
איך האלט זיך צו קליין,
און ווייז מיינע מעלות ניט ארויס,
ווייסט מען ניט ווי גרויס
איך
בין,
און מ'מעסט מיך
מיטן אייגענעם ארשין...
מען דארף זיין שטארקער פון אייזן!
נאר איך וועל ווייזן
וואס איך קאן,
און איך הויב טאקע גלייך אן!
(די מאלפּע האט גענומען
זיך נאכקרומען
די חיות.
זי האט געמאכט אלערליי אוואַיעס,
און גערעדט קאמישע רייד,
וואס רופן ארויס
געלעכטער און פרייד,
ביי קליין און גרויס.)

(די גאנצע צייט, האט א מויז
פון מויזן־לאך ארויסגעקוקט,
און זיך געבוקט
צו דער ערד.)
–נאר איך קאן אפּשאצן דיין ווערט,
דיין גרויס!
(געזאגט האט צו דער מאלפּע די מויז.)

־ווייל פאר שפיל
האב איך א געבוירענעם געפיל.
איך אליין קען טאקע ניט מאכן
יענעם צום לאכן,
איך בין אבער א מבין אויף א טשאד!
איך וועל דיר אויסזאגן א סוד:
אז איך זאג "אויסגעצייכנט!" —
דארף דאס ווערן פאררעכנט
פארן גרעסטן קאמפלימענט.
און וואלט איך פארמאגט צוויי הענט,
וואלט איך מיט זיי אזוי לאנג געקלאפט,
און"בראוואָ" געשריגן,
ביז דער אטעם וואלט מיר פארכאפט,
און וואלט געבליבן א פאר׳חלש׳טער ליגן.
איך זאג דיר דעם סוד אויס,
ווייל דו ביסט באמת גרויס,
וואס גרעסער קאן גארניט זיין!
— אזעלכע רייד זיינען זיסער נאך פון וויין,
און ווען זיי קומען נאך פון דיין מויל ארויס,
איז די פרייד טאפלט גרויס!
(געשמייכלט האט די מאלפע
צו דער מויז.)
— איך זע, דו ביסט אויך ניט אבי־ווער,
נאר דער געקרוינטער קריטיקער,
וואס פארשטייט גוט זיין פאך,
און טראכט זיך גוט אריין אין דער זאך.
א יא, איך בין אויך א מבין אויף א טשאד!
א שאד,
וואס נאך מיין זיינען דא
נישטא,
און הערן ניט דיינע רייד.
ס׳טוט מיר באמת לייד!
נאר ס׳איז מיר שוין אזוי באשערט:
אז קיינער,
נאר דו, איינער
זאל וויסן מיין אמתע ווערט!...

דריך און קוימען

דער רויך
האט איינמאל געזאגט צום פארשטעקטן קוימען:
ס'ציט מיך אין דער הויך,
צו די רוימען,
און דו פארשטעלסט מיר דעם וועג.
נאר איך שפיי אויף דיר קלעק!
און זאל דער קאפ דיר נים דארן,
און וועל זיך שוין ווי נים איז דורכשפארן;
און וועל די הייכן
דערגרייכן.
ווייל דער וואס גלוסט צום הימל פליען,
וועט זיך תמיד מיען,
און וועט דערגרייכן דעם ציל
וואס ער וויל.
נאר ס'איז א פארדראס,
פארשטעלן יענעם דעם וועג אן א פארוואס.
נו,
וואס שווייגסטו?
פארוואס פארפאלגסטו מיך אומזיסט?
רשע וואס דו ביסט!
—וואס ביסטו אזוי בייז?
ווייס,
עס גייט מיר נים אן
דיין קריגערישער טאן.
(געזאגט האט שטיל דער קימען)
—און איך דאס
וואס
ס'ציט דיך אין די רוימען,
וואס דו ווילסט די הייכן
דערגרייכן;
נאר ס'זאל דיר נים פארדריסן,
א חכם, ווי דו, האט געמעגט וויסן,
אז א באלעבאסטע האט אויך פון וואס צו טרוימען,
נו, האט זי פארגעסן אפשטעקן דעם קוימען.
און ווייסן זאלסטו אויך,
אז רויך
איז צו די הימלן קיינמאל נים דערגאנגען –
ער ווערט אין דער לופט צעגאנגען.
עס איז אים באשערט
פארלוירן גיין צווישן הימל און ערד...

דער דיכטער און דער בלינדער

ס'איז געשען
ווען עס איז געווען
ניט טאג און ניט נאכט.
די טויערן פון הימל
האבן לאנגזאם זיך פארמאכט
און איינגעשלונגען די לעצטע
זונען-פלאמען.
האט א בחור, וואס מאכט גראמען,
דאס בילד צוגעזען
און געבליבן א צוגעשמידטער שטיין,
און זיך צעזונגען מיט אומעט-פרייד,
ווי אין פסוק שטייט:
"מזמור" - א געזאנג
פון זונפארגאנג:
"די טויערן געשלאסן,
די זון -פארלאשן,
גע'שרפ'עט, געברענט,
און דאס איז די ענד;
און מיט דער זון, די טעג
פאלן אפ פון לעבנס-וועג".
-מ'וועט, בחור, פון דיר לאכן,
נישטא אזעלכע זאכן,
(געזאגט האט צום דיכטער
א בלינדער בעטלער.)
- ביסט ניט ניכטער!
איך וויים שוין דיינע פשט'לעך.
ס'איז סימבאליש געזאגט;
פונקט ווי דו זאגסט "ס'טאגט".
צו וואס אויסטראכטן
פרימארגנס און פארנאכטן,
אז אזעלכעס איז נישטא?
-זיי זיינען שוין גאר דא,
די פרימארגנס און די פארנאכטן,
און איך דארף זיי ניט אויסטראכטן.
וואס מיינסטו בין איך, א קינד?
עס ווייזט נאר, אז דו ביסט
נעבעך בלינד...

שוואַרץ און ווייס...

– קריך אַרונטער פון מיר,
(האָט אַ ווייס שטיקל פאַפיר
געשריגן זיך אויף אַ קול,
אויף אַ שוואַרץ שטיקל וואָל.)
– איך וועל דיר דעם אמת זאָגן:
איך קאָן דיך ניט פאַרטראָגן!
ביסט שוואַרץ
און אָן אַ האַרץ,
און דערצו
ביסטו
טאַקע שווער,
אַן אומגעלומפּערטער בער!
ווי קומסטו גאָר צו מיר,
צו אַ ווייס שטיקל פאַפיר,
וואָס איז ריין,
ווי די אומשולד אַליין?
איך שריי באַלד
געוואַלד! –
צום לעצטן מאָל זאָג איך דיר,
קריך אַרונטער פון מיר,
און לאָז מיך צורו!
(פון ערגעץ וואו
איז אַ ווינטעלע געקומען צופליען,
און גענומען מיט זיי זיך שפּילן,
געטאָן זיי אַ קער,
אַהין און אַהער,
און – ניטש צום גלויבן:
דאָס שטיקל פּאַפּיר
ליגט שוין אויבן.)
ס׳איז געווען נאַריש פון מיר,
(אָנגעהויבן האָט דאָס פּאַפּיר)
זיך צו באַקלאָגן
און זאָגן,
אַז איך קאָן דיך ניט פאַרטראָגן.
נאָך אַלעמען,
די שולד איז געווען
ניט דיינע,
נאָר גאָר מיינע.

ביסט געלעגן אויף מיר,
ווייל איך בין געווען אונטער דיר.
כ'האב ערשט איינגעזען,
אז אזוי איז געווען
און אזוי וועט אלעמאל זיין:
איז מען אויבן – צימבעלט מען אריין!...

דאס רייט-פערד

א פערד, וואס לויפט אין געוועט,
האט זיך צערעדט
מיט א פערד וואס שלעפט דעם וואגן:
-איך וויל דיר דעם אמת זאגן,
דעם אמת דיר פארטרויען:
ס'איז מיר נמאוס שוין
זיין אויף אייביקער קעסט.
דערלעב איך שוין א פארמעסט -
לויפט מען אפ א פערטל שעה
און ווידער רו!
איך בעט דיך, מיין פריינט!
אז טאקע נאך היינט
דערציילן זאלסטו דיין באלעבאס,
פון מיין גרויסן פארדראס.
זאל ער לויפן
מיך אפקויפן,
איך וויל שלעפן דעם וואגן ,ווי דו.
נו,
וועסטו עס אים זאגן?
האב אין זינען:
איך וויל מיין עסן כשר פארדינען!
(אינדעם איז דער באלעבאס צוגעקומען
און גענומען
איינשפאנען דאס פערד,
און געהערט
דאס געבעט פונם רייט-פערד.)
-איך דארף ניט לויפן
דיך אפקויפן.
ניין,
ביי וועמען, ביי זיך אליין?
און מעגסט רואיק זיין,
דיינע רייד זיינען מיר גוט אין קאפ אריין.
האסט רעכט!
ס'איז טאקע שלעכט
צו זיין אויף קעסט,
און ווארטן אויף א פארמעסט.
און איידער עס מאכט זיך עפעס א זאך
וועל איך טאקע גלייך
דיך צונעמען פון דאנען,
און אין וואגן דיך איינשפאנען.

(און דער באלעבאס האט דאס פערד אנגענומען
פאר דער צוים,
נאר, יענער רירט זיך קוים.)
- ס'איז שוין שפעט!
און איך האב זיך פארריעדט,
און פארגעסן
אז מען דארף גאר עסן.
(און ער רירט זיך שוין ניט פון ארט)
-והשנית,
טועך מיר ווייי די פיס.
און וואס עפעס אזוי גיך?
איך
דארף זיך נאך מישב זיין,
צי זאל איך אין די האלאבליעס
גאר אינגאנצן ארייין.
כ'האב נאך צייט!

דער בער און די פליג

אויף די עלטערע יארן
איז דער בער שוואך געווארן,
און ניט געקאנט ארומלויפן
מער.
– מ'דארף א מאשין זיך קויפן!
(געטראכט האט דער בער.)
– ס'איז מיאוס
ווען די פיס
זאגן: ניין,
און ווילן מער ניט גיין.
(און אט זיצט דער בער
אין דער
מאשין,
און דרייט די ראד אהער אהין,
נאר זי רירט זיך ניט פון ארט.)
– וואס קאן זיין די סיבה פארט?
– ווילדער, וואס דו ביסט,
דיין ארבעט איז אומזיסט.
שלאגסט זיך פון די כוחות ארויס,
ווען מען דארף א דריי טאן א שרייפל בלויז,
דא און ארט,
און ניט מער!
(אויסגערעדט האט א פליג דעם בער)
–און די מאשין רירט זיך
גלייך פון ארט.
יא, א זכרון!
קאנסט נאך אלץ ניט פארן,
ביז דו שטעלסט ניט דיין פוס
אויפן טרעטער –
נאר דאס קומט ערשט , שפעטער.
דערווייל וועל איך אויף אים שטיין,
ביז דו וועסט דעם מאטאר לאזן גיין.
איצט, שטעלסטו דעם שליסל אט א דא ארייַן –
פיין!
גיסט רעכטס מיט אים א דריי,
אט אזוי!
דערנאך –

(וואַרפֿענדיק אויפֿן בער אַ צופֿרידענעם בליק
–גיסטו אויפֿן טרעטער מיטן פֿוס אַ דריק.
(די פֿליג האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן,
ער זאָל זיך ניט יאָגן,
און זאָל איבערגעבן דער בערעטע אַ גרוס.
נאָר זי איז געלייגן אַ צעדריקטע
הינטער דעם בערס פֿוס...)

די שווערד און די שיד

א שווערד
האט געהערט,
אז אין סוף פון די טעג,
ווי נאר משיח וועט זיך באווייזן,
וועט מען די שווערד איבערמאכן
אין פארטיידענע זאכן:
אין א זעג,
אדער אין אקער־אייזן;
אדער גאר בעסער,
אין א פשוטן מעסער,
צו שניידן מיט אים ברויט –
אנשטאט דער שטאל זאל ברענגען טויט.
– איך וועל ניט דערלאזן,
אז דאס ווינטעלע זאל זיך צעבלאזן.
(האט די שווערד א מערדישן גלאנץ
געטאן,
אנטקעגן דער זון.)
–איך וועל ניט גיין א טאנץ
איבער ארודעס ערד,
געשלעפט פון א פערד.
אדער ליגן הינטער דער באנק,
א ווינטער לאנג,
און זשאווערן.
זיך דארפן חברן
מיט די הינער פון הויף,
צוקוקן ווי זיי קלייבן קערנער אויף.
ניין, איך בין הארט,
און קען ניט זיין צארט.
איך בין א שווערד!
איר הערט?
–מען הערט, מען הערט!
(האט די שיד געזאגט צו דער שווערד)
–און אסך אמת ליגט אין דיינע רייד,
און איך האב מיט דיר מיטלייד.
איך וויל דיר בלויז זאגן:
אומזיסט איז דיין קלאגן!
מעגסט זיך ווי ווערן –
וועט מען דיך ווי דעם קאטער הערן.
אז מען וועט די גאנצע וועלט איבערמאכן,
וועט מען אויך פון דיר זיך אויסלאכן.

דאס קונסט-בילד און די שמאטע

מיט א שמאטע אין דער האנט,
האט א דינסט ארומגעשפאנט
און אפגעווישט בעט און שטול.
מיט אמאל
האט זי זיך אין עפעס דערמאנט,
זי האט ארויסגעלאזט פון האנט
דאס שטיקל געוואנט,
און פארלאזט דעם צימער.
אויף דער וואנט,
מיט דער האנט
צו דערלאנגן,
איז א מאלעריי געהאנגען.
-איך בין ניט קיין באריימער,
(אראפגערעדט האט דאס בילד פון וואנט)
דאכט זיך ביידע פונם זעלבן געוואנט,
און דאך וואס פאר א חילוק פון מיר
צו דיר,
ווי פון טאג
צו נאכט!
זאג:
האסטו זיך אמאל אויף דעם פארטראכט?
קומט א גאסט צוגיין,
בלייבט ער לעבן מיר שטיין,
און צעשרייט זיך ווילד:
א קונסט בילד!
און דיך,
כאפט די באלעבאסטע אויף גיך,
און פארשטעקט דיך אין א לאך.
-קאנסט געבן א שטאך,
קונסט ווערק!...
ביי מיר ביסטו ניט מער ווי א ווילדער טערק,
א שטיקל געוואנט, ווי איך,
וואס וואלט זיך געוואלגערט אין קיך.
נאר אדאנק פארב און פענזיל
און א קינסטלערישע האנט,
הענגסטו אויף דער וואנט.
טאָ לויב זיך ניט אין טאג אריין,
ס'איז ניט אין דיר געווענדט,
נאר אין וועמענס הענט
מען פאלט אריין...

אין וואלד

(נאכן בעש"ט א מעשה'לע)

קיינער ווייסט ניט ווער
איז
דער —
איינציקע רופן אים: גאט —
וואס האט
מיט פארב און פענדזל אין האנט
ארומגעשפאנט
און געפארבן הימל און ערד.
פארן אדם־פערד
איז א קנאפער חילוק
ווער עס האט דאס בילד געמאלן,
אז מען דארף פאר דעם ניט באצאלן,
איז עס שפאט־ביליק,
און האט די ווערט
א הארטן זעץ אין דער ערד.
א סימן: עס וואלגערט זיך דאך אין דרויסן.
נאר ניטשט דאס זיינען מיר אויסן!
וואס מיר האבן יא געוואלט זאגן,
איז פון די מיאוסע קלאנגען
וואס האבן גענומען זיך ארומטראגן,
אז בלאט און גראז האבן זיך שיער ניט געשלאגן.
ווי אזוי עס איז געשען?
הערט דיבורים אליין:
—נידעריקע גראזן!
איר האט מורא זיך צו פארלאזן
אויפן פויגל,
וואס וואונקט צו אונז מיט אן אייגל,
ער קאן אייך נאך דעם אמת זאגן,
אז צו אונזער הויך,
וועט איר קיינמאל זיך ניט דערשלאגן;
און ווי מיר גענימן פון דער וועלט,
די זונען שטראלן קומען צו אונז ניט פארשטעלט,
די רעגנטראפנס וואשן אונז ארום,
פריער נאך פאר דער בלום.
איר, האבער ליגט נידעריק צו דער ערד,
און דאס פערד
טרעט אייך מיט די פיס,
גיט אייך א צופ, א ריס.

נו, וואס זאגט איר, גרעזעלעך, צו דעם,
דערלאנגט אייך דעם ריכטיקן פלעם!
– טע־טע, סארא כוח!
באשר איר האט זיך ארויפגעכאפט
אין דער הויך,
אויף די צווייגן
וועלן מיר, גראזן, אייך פארשווייגן?
נארישע בלעטער!
האט איר א טראכט געטאן פונם שפעטער?
ווארט, ווארט, אט באלד
וועט א ציטער טאן דער וואלד;
אנלויפן וועט דער הארבסט,דער קאלטער,
און איר, גרויס־האלטער
וועט נעמען פאלן צו דער ערד.
דאס פערד
וועט אייך טרעטן מיט די פיס,
געבן א צופ, א ריס;
און איינס־צוויי,
וועט דער שניי
א טויטן מארש שפילן,
און אונז אלעמען
אין תכריכים איינהילן...

צווישן לידער

—איך צינד די געמיטן,
צעקאך די געבליטן!
(געדונערט האט דאס רעוואלוציאנערע ליד)
—איך שמיד
דאס בילד פון ארבעטערט דאליע,
מאל די ראליע,
וואס ער וועט שפילן
ווען דערגרייכן וועט זיינע צילן.
קריוודעט וועד דעם ארימאן —
צעשפיל איך זיך,
ווי א פייערשפייענדיקער וואלקאן.
איך גיב די מאסן
אין די גאסן
א הויב,
מיט שוואונג און כוח,
צו א שטיינענדיקער הויך.
אין פראטעסט און צארן
קעגן באדריקער, הארן.
אין א גאלאפ,
אריבער קאפיטאלס קאפ.
מיט רויטע פענער אין די הענט,
שטורעמען די ווענט!...
— איך מוז דיר איבערשלאגן,
איך קאן עס ניט פארטראגן!
(געזאגט האט דאס סאציאל־פאלקס־ליד)
—האמערסט טאקע ווי א שמיד!
איך קען אויך ניט צוזעען,
און ניט פארשטיין
ארעמקייט און נויט,
הונגערן פאר א שטיקל ברויט,
איך טראג אויך די רויטע פאן —
נאר איך רעד אין א מינארן טאן.
שטיל,
נאר מיט גרויס געפיל;
און ניט ווי דו, הויך אויפן קול.
איך מאל
ווייס־שווארץ,
און ריר מיט דעם דאס מענטשליך הארץ!
—ארימקייט און דלות!
דאס אלעס?

(געזאגט האט דאס נאציאנאל-ליד)
-און וואס מכוח דאס פינטעלע איד?
דאס גאנצע פאלק?
מ'מוז דאך אמאל מאכן א טאלק
מיט זיין גאנץ פעקל גלות-לעבן!
-איך וועל אייך אוועקגעבן
דאס פאלק מיט זיין אויבן אן,
און צולייגן אויך די רויטע פאן.
וואס מיר ארעם, וואס מיר רייך,
איך זאג אייך:
דאס איז סחורה בלויז פארן יאריד!
(געברייעט האט דאס ליריש ליד)
-גליק,
גראמט זיך נאר מיט "נשמה-בליק!
-און וואס מכוח דער מיסטיק?
הע!
מיטן וואונדער סנה,
וואס ברענט און בלענדט,
און ווערט ניט פארברענט?
איר רעדט פון ברויט
און נויט,
און וואס הערט זיך מיטן טויט?
וואס דוקא אינם טרימארגן פון לעבן,
דארף מען א פארבענקטער צו אים שטרעבן.
זיך ציען ווי דער פלאם פון ליכט,
צום אונבליק פון זיין געזיכט.
ווייל דאס רעאלע שיין,
איז "דאס מער ניט זיין".
דאס איז דער ציל
פונם גאנצן לעבנס שפיל.
צי ווילסטו יא, צי ווילסטו ניט!
(געגראבן טיף האט דאס מיסטיש ליד)
-ס'איז גארנישט אזוי שווארץ!
(געזאגט האט דאס פאבל מיט א גרינג הארץ)
-סנה-שמע,
א שטרויענע שטראשידלע!
וואו איז דער מוסר-השכל? -
ווי יענער, פערטל-משכיל,
וואס האט געוואלט אין "מיטנוואך"
פרנסה און עפעס נאך...
האט ער א גאנץ לעבן געהאט א פארדראס,
ווייל ער האט ניט געוואוסט וואס.

ס'האט אים דארט עפעס געריצט און שאקירט,
און א לעבן לאנג פאר דער נאז אים געפירט.
וואלט ער אבער פארגינט זיך טאן א שמייכל,
וואלט ער באלד אריין אינם פאר'כישופטן היכל,
און דער "מיטנוואך"
פארוואנדלט וואלט זיך אין "עפעס נאך".
– הערט שוין אויף וואסער צו שטויסן!
מיר האבן ניט מיט וואס זיך צו גרויסן.
אלע זיינען מיר גרויסארטיק,
נאר פארשידנארטיק,
לויט דעם געמיט פונם פאעט.
(אויסגעזונגען האט דער סאנעט)
– מיר זיינען זייען נשמה־זאפט,
וואס שאפט
א יש מאין,
און עס האלט זיך אין אים אין באנייען.
אליין,
וואלטן מיר גארניט געווען,
ווערטער
אויף א געלעכטער!
א ווארט דא און א ווארט דארט,
און עס קלעפט זיך ניט א ווארט צו א ווארט!

צווישן פיש

מיט פליסטערלעך צעשפּריים,
און מיט א הערצעלע פול מיט פרייד,
איז מיט גרויס טאראראם,
אויפן דעק ים
א גאלדן פישעלע ארומגעשוואומען,
און באוואונדערט די וואסער־בלומען.
– שטיי!
(האט מיט א געשריי
א שלייען צום פישעלע זיך געווענדט)
– זע נאר ווי דאס ברענט
א וועלט!
ווער וואלט זיך זאר אזוינס פארגעשטעלט?
גוט וואס כ'בין פארביי געשוואומען,
אניט וואלט פון די בלומען
קיין סימן ניט פארבליבן.
(און דער שלייען האט יך געקליבן
א כאפ טאן דאס פישעלע פארן עק)
– אוועק,
דו, פאסקודנער שלייען!
(האט א העכט געגומען שרייען)
– ווער וואלט זיך גאר פארגעשטעלט
אז אין אונזער וועלט
זאל מען אזעלכע רשעותן באגיין?
ניין,
כ'וועל שוין זעען
ס'זאל אזוינס מער ניט געשען.
און אפן גערעדט...
– צו שפעט!
(האט
מיט שפּאט
א וואלפיש אים אפגעשטעלט)
– א שיינער ביישפּיל ביסטו פאר דער וועלט!
א העכט
זאל זיין אזוי שלעכט,
אזוי פארדארבן,
און זיך נאך רייצן מיטן אומשולדיקן קרבן.
און טאמער איז דאס אים ווייניק,
ווידערשפּעניקט ער נאך אין זיין קעניג,
און טיילט גערעכטיקייט אויס.
פאר דער איינציקער זינד בלויז
האסטו זיך דעם טויט פארדינט ,

הײנט, צורעכענען אַלע זינד,
כאַפּט אַזש אַן אַ גרויל!
דו װײסט שױן װאױל
אַז װײ צו דײן געבײן!
און דערפֿאַרװאָס דו ביסט אַזױ געמײן,
זאָלסטו װיסן:
נעם איך צו בײ דיר דײן ביסן.
און װײל דער שלײען איז ניט בעסער
און אױך אַ פֿרעסער
װי דו,
נעם איך זײן ביסן אױכעט צו...

צווישן פייגל...

מיר ווילן ניט דיסקוטירן,
און קיינעם ניט קריטיקירן
פארוואס דער גארטן האט אפגעברענט.
כאטש מיר האבן א גוטן ארגימענט;
צוליב וואס אומזיסט צייט פארלירן?
סיבה, שמיבע!
אפי די ליבע
צום אפגעברענטן גארטן
האט דארטן,
אין די פויגלשע הערצעלעך
ווי א פייער זיך צעברענט.
- געוואלד!
מיר זיינען אין וואלד
צווישן חיות,
און יעדער טאג ברענגט אונז
שוידערליכע נייעס:
הונדערט פויגלן האט מען היינט דערלאגן!
דאס איז שוין ניט צום איבערטראגן!
פאראן
נאר איין פלאן:
דארטן,
אין אונזער אייגענעם גארטן
זאלן מיר אויפסנייי אויפבויען אונזער נעסט,
און - פטור פון דער פעסט!
(געשריגן האט א פויגל
און זיך געווישט א אייגל)
-עי, דו, דארט!
איך וויל דאס ווארט!
(האט אן אלטער פויגל ארויסגעזאגט)
-ווערט פארמאגט
די כוחות,
אזא ווייטן מהלך פליען?
מיר דארפן די חיות דא דערציען,
זיי אויפקלערן,
אז זיי מוזן בעסער ווערן.
אזוי א, שטילערהייט,
נשקשה, צו שכלדיקע רייד
וועלן זיי זיך צוהערן!

– וואס טוט זיך דארט?
איך וויל אויך א ווארט.
זאל גאט אויסהיטן!
מיר האבן שוין גענוג געליטן.
מען האט אונז שוין גענוג אריינגעשמיסן,
פאר וועקן זייער חיהשער געוויסן.
איך פראטעסטיר!
אונזער דאליע איז אזוי אויך גענוג שווארץ!
(געשריגן האט א פויגל מיט הארץ)
–גיט מיר
א ווארט!
– פארט?
–דארטן,
אין אונזער אייגענעם גארטן!
–איך אויך!
כ'האב שוין קיין כוח
צו שרייען!
– וואס איז דא וואס צו ברייען?
אודאי דארט!
– א ווארט!
– דארט!
און – קיינער רירט זיך ניט פון ארט...

ניט די זענען די טרייסטע זינדפון פאלק,
וואס פאדערן אין א עת-צרה – טאלק,
און שרייען: ניט שיין, פע!
נאר די, וואס אין זייער הארצן ברענט דער סנה,
און זיי נעמען די ביקס אין האנט,
צו פארטיידיקן זייער לאנד...

שניי-ווייס פאפיר

- ריר
זיך ניט צו צו מיר!
(האט איך גרויס שרעק
א שניי-ווייס שטיקל פאפיר
געזאגט צו דער פען.)
-ס'טאר צו מיר
גארניט געשען,
כ'מיין,
א פלעק.
וואס מיינסטו בין איך דיר,
פון יענע הפקר פאפירן,
וואס לאזן זיך פארפירן
פון יעדן הולטייר?
און זאג מיר ניט אלעמאי...
עס האט טאקע דעם זיבעטן חן.
ניין,
ריין
בין איך געבוירן
געווארן,
און ריין וועל איך פארבלייבן.
הערסט, וועסט אויף מיר אן אות ניט
אויפשרייבן.
איך וועל גערן זיך לאזן פארברענען,
איידער זיך צו דערקענען
צו דיר...
ס'כאפט אזש אן א שרעק:
אויף מיר -
א פלעק?!
-ווער רירט זיך צו צו דיר?
(געחוזקט האט די פען פונם פאפיר
און האט געלאכט:)
-אכט!
פארן שניי ווייסן פאפיר!
א שאד וואס איך פארליר
אומזיסט א פאר מינוט.
גוט!
מעגסט מיר גלויבן,
כ'וועל דיין ריינקייט ניט רויבן.

האסט גליק
און ביסט מזלדיק!
(דער סוף? –
אין פארלויף
פון יארן,
איז דאס שניי ווייסע פאפיר
געלב געווארן,
און מיאוס,
נאר עס האט אויסגעפירט דעם קאפריז...

סיגנאל-ליכטער

אן אומגליק
האט געטראפן:
א אויטאמאביל איז פון ערגיץ אנגעלאפן
און געטויט א מאן אין איין אויגנבליק.
-ס'איז די שולד פונם טרייבער!
(האבן ווייבער
געשריען.)
- האסט געזען א פליען? -
ווי פיל פון בויגן!
מען דארף האבן טויזנט אויגן.
עפעס א שפאס
אריבערגיין די גאס!
(דארט,
ניט ווייט פון יענם ארט
איז א סיגנאל-סלופ געשטאנען)
-נאך א טויטער!
(א זאג געטאן האט דאס גרינע ליכט
צו דער רויטער.)
-ס'איז נישט מיין עסק:
נאר מענטשן זיינען נאכלעסיק!
דו וואונקסט דאכט זיך צו זיי,
"ווארט א מינוט"!
איז דאך דאכט זיך גוט,
הערט מען דיך
ווי דעם פאראיאריקן שניי.
און אט האסטו דעם סוף!
-הער שוין אויף!
אליין וואונקסטו:"גיי!"
נו, גיין זיי.
דו
לאז נאר מיך צורו,
און מיש זיך ניט אין מיינע עסקים אריין,
וועסטו זען ווי גוט און פיין
אלץ וועט שוין זיין.
ווען ניט דו, מיין העלד!
וואלט איך דעם גאנצן פארקער אפגעשטעלט,
אויף חדשים און יארן,
און קיינער וואלט מער ניט איבערגעפארן
געווארן.
אויס - גרין,
בלויז רויט ,

און אויך אוים מיטן טויט!
– א שיין פנים וואלט געהאט די וועלט
ווען דער
גאנצער פארקער
געווארן וואלט אפגעשטעלט.
און טאקע דער מענטש אליין געווען וואלט דער
ערשטער
קרבן,
ער וואלט פשוט פון הונגער געשטארבן.
שטעל זיך נאר פאר:
יאר נאך יאר
טאר מען ניט פארן, ניט גיין,
נאר אויף איין ארט שטיין.
א משוגעת!
צי מאכסטו גאר א שפאס?
עס איז ניט אין מיר
און אויך ניט אין דיר
געווענדט,
דעם מענטשנס זיכערקייט
ליגט אין זיינע אייגענע הענט.
מיר טועז אונזער פליכט בשלמות,
נאר מענטשן זיינען ווי בהמות:
ווי חיות קעמפט מען פארן שטיקל לעבן,
און צוליב ווארטן א רגע
וועלן זיי דאס אפגעבן...

א מעשה מיט א בער

לאמיר איבערוואַרפֿן א בריק
און גיין אויף צוריק,
צו גאר פֿארן,
צו יענע יארן
וואס מ'ווייסט ניט זייער צאל,
צו דעם גאר ווייטן אמאל.
הכּלל, מ'פֿארט,
און — אט זענען מיר דארט!
די זון שיינט,
מענטש און חיה לעבן זיך ווי פֿריינט,
פֿארשטיין איינס דעם אַנדערענס רייד,
און זיינען זיך מתחתן שטילערהייט...
א גן עדן
פֿאר יעדן!
נאר די גאלדענע צייט
פֿונם ווייטן ווייט
האט לאנג ניט אנגעהאלטן:
מען האט זיך גענומען שפּאלטן
אויף ראסן.
דער מענטש האט אנגעהויבן צו האסן
די פֿרייע
חיה,
און מיט געוואלד
פֿארטריבן איר אין וואלד.
פֿאר זיך — אויסגעבויעט האט ער א שטאט,
און גענומען דינען צו א גאט.
ער האט פֿארגעסן די אלטע פֿריינטשאפֿט צום בער,
האט אויסגעטראכט אלערליי געווער,
און מיט פֿייל און בויגן
אויסגעלאשן דעם בער די אויגן...
אראפּגעשינדן פֿון אים די פֿעל,
און אויף שנעל
א צודעק געמאכט,
באשיצן זיך דאס לייב פֿון דער קעלט
פֿון דער נאכט.
דערצייטערט זיינען די בערן געווארן:
אנגעזעצט האט דער מענטש זיך
אויף זייערע יארן,
און ער וויל זיי אפּווישן פֿון דער ערד.
נאר א בער איז ניט קיין פֿערד!

האט א יונגער בער געטראכט און געטראכט,
און האט אויך א פייל און בויגן זיך געמאכט.
ער האט גענומען לערנען זיך טרעפן אין ציל,
נאר עס איז ארויסגעקומען א קינדער שפיל.
ווי שטארק דער בער האט דעם בויגן
ניט געצויגן,
איז די פייל ווייט ניט פארפלויגן.
געטראפן דא און דארט,
נאר ניט אינם געצילטן ארט.
נאר א יונגער בער לאזט אזוי גיך ניט אפ,
האט ער אזוי לאנג זיך געבראכן דעם קאפ,
ביז אויסגעפונען ער האט דעם שטער:
זיינע טלויען זענען ניט צוגעפאסט פאר געווער,
און זיי וועלן קיינמאל ניט באהערשן דעם בויגן;
און זיינע טלויען זיינען אים נמאוס געווארן
אין די אויגן.
ער האט ערגעץ וואו א האק דערפאקט,
און האט די טלויען זיך אפגעהאקט.
ער האט אומגעדולדיק א ציי געטאן דעם בויגן,
און די פייל איז שוין אביסל ווייטער פארפלויגן,
און איינמאל אויך אפילו געטראפן אין ציל.
נאר דער בער האט באצאלט פאר דעם צופיל:
אויפן בוים קלעטערן האט ער מער ניט געקאנט,
און געצויגן
דעם בויגן
מיט א פארזעעניש פון א לאפע און ניט קיין האנט...

דער העלדישער בער

מר און מרת בער,
ביידע שווער
אין וואג,
האבן אין א פארטאג
גענומען א שפאציר.
- אוי, ווײ איז מיר!
(האט די בערעטע געמאכט א געוואלד,
וואס האט אפגעהילכט איבערן גאנצן וואלד.)
- כ'האב זיך א פוס פארשטאכן!
דער דארן איז מיר ארייַנגעקראכן
ביזקל ביין.
- אנו, לאמיר נאר זען,
ווייז נאר דעם פוס אהער!
(געזאגט האט דער בער
מיט א שטעל,
און האט א גלעט געטאן די בעריכע
איבער דער פעל.)
- וואס איז מיט דיר געווארן?
איבער אזא פיצעלע דארן
מאכט מען אזא געוואלד,
און מ'רודערט אויף דעם גאנצן וואלד?
ווער וואלט זיך גאר אזא זאך אויף דיר
געוואלט גלויבן?
און איך האלט דיך אין איין לויבן,
אז דו האסט שכל,
און נעמסט אויף אלץ מיט א שמייכל.
געדענקסטו, ניט היינט געדאכט,
ווען איך האב אין א פינסטערער נאכט
א פוס זיך פארשטאכן;
צי דאן, ווען כ'האב זיך מיין לאפע צעבראכן?
האב איך קיינע געוואלדן ניט געמאכט.
איך האב גאר געלאכט,
גענומען אפילו אויפן קול זינגען,
טאנצן און שפרינגען,
אט אזוי!
(און דער בער האט אין מויל ארייַנגעשטעקט
א שטרוי,
ער האט גענומען לאכן,
קאזשילקעס מאכן,
און דערווייל אנגעטראפן מיט דער נאז
אויף א פארדארט שטיקל גראז.)

—ס'איז מיר ניט גוט!
כ'גיי אפ מיטן בלוט!
(צעטריגן האט דער בער זיך
ניט מיט זיין קול;)
— זעסטו ניט אז ס'האלט מיט מיר שמאל!
וואס שטייסטו ווי א גולם?
רוף צונויף אן עולם.
מאך א געוואלד,
אז פארציטערט ווערן זאל דער גאנצער וואלד.
אפשר וועט דער פוקס דערהערן,
אדער דער האז?
(און דער בער האט אויף גיך
זיך
א כאפ געטאן פאר דער נאז)
—וואס איז דאס?
די נאז
איז גאר טרוקן!
(און דער בער
האט זיך געדרייט אהין און אהער,
און זיך געשעמט דער בערעטע
אין די אויגן אריין קוקן...

צווישן ווייזער

צוויי ווייזער פון א זייגער,
איינער קליין, דער אנדערער גרויס,
זיינען אין א שטרייט ארויס:
—קוק נאר אן דעם פגר,
ווי דאס גיט זיך א ריר!
ניט ווי איך;
וואס גיב זיך
די הענט א צעפיר —
און אט בין איך שוין עט־עט!
איך גיי מיט דיר אין געוועט:
מעגסט זיך גאנצע שעה'ן
אויסרוען,
וועסטו אין גיכעג
ניט פארלויפן מיר דעם וועג.
וועסט זיך פון די כוחות ארויסשלאגן
און מיך ניט דעריאגן.
שפילסט זיך מיט מיר,
איך בין דאך אין צאל
צוועלף מאל
פלינקער פון דיר.
און אפשר ביסטו גארניט אזא קריכער,
נאר עס שטייט דיר ניט אן
מיט מיר האבן צו טאן.
בלייבסט שטיין,
ווייל דו ווילסט מיט מיר ניט גיין.
ביסט פשוט שלעכט!
און איך האב ניט קיין רעכט
רופן דיך "פגר".
(געזאגט האט דער גרויסער ווייזער
צום קליינעם ווייזערל, פון זייגער.)
—רעדסט גראב, ווי א טרעגער!
נאר אזוי ווי מיר זענען א טייל
פון איין זייגער,
און דארפן זיך טרעפן אויפן זעלבן ארט,
וועל איך דיר זאגן מייןווארט.
(געענטפערט האט דער קליינער ווייזער.)
—הער מיט קאפ!
און מעג עס דיר פארדריסן:
זיי וויסן,
אז לעבן
מיינט ניט פיס הייבן.

עס גייט ניט אין געווען,
אין איבעריאגן,
נאר אין דעם וואס מ'זעט
און וואס מ'ברענגט פון וועג צוטראגן.
אמת, אונזער וועלט
איז גאר אנדערש איינגעשטעלט:
נישטא
דא
דער ברייטער וועג,
די זוניקע טעג,
און די בלויע פארנאכטן –
דאך איז אויך דא פאראן גענוג
וואס צום באטראכטן.
האסטו אמאל געהערט,
צי גאר אליין זיך פארקלערט,
אז אין א "מינוס"
פליסט ווארעם בלוט...
און זיין דפק
שלאגט רעגלמעסיק
זעכציק מאל
אין צאל? –
נאר דאס איז ניט דיין עסק!
היינט,
מיין פריינט!
לאמיר זען ווען האר איז בעסער:
לויט דיין גרויס אנטקעגן מיר
דארף דיין הארץ ביי דיר
זיין פון מיינעם פיל גרעסער,
דאך איז עס פארקערט:
געפילן, האבן ביי דיר קיין ווערט.
שענק איך איינעם אביסל רו,
לאמיר זאגן א שעה,
פון עלף
ביז צוועלף –
איז ביי דיר גוט
ער זאל רוען ניט מער ווי פינף מינוט.
גיסט זיך באלד אויף דער צוועלף א שטעל אוועק
און א סוף ,און עק!

ווער געבליבן איז דער גערעכטער? –
פארשטייט זיך , דער שלעכטער,
ווי עס פירט זיך אין אלע ערטער.
דעם קלענערן ווייזערס לעצטע ווערטער
געפאלן זיינען אויף טויבע ווענט.
דער גרעסערער האט אויך גיך
זיך
א צעפיר געטאן די הענט,
און פייל אויס בויגן
אפגעצויגן...

"מאכט"..

– האט אכט!
פאר מיר, די נאכט!
פון דער שטארקסטער מאכט
גאר און א שלאכט
צונעמען די מאכט –
דאס קאן איך, די נאכט!
זעט נאר ווי "ער" ליגט פארשמאכט,
ניט פאר מיר געדאכט.

(אזוי האט א שווארצע נאכט,
א גאנצע נאכט
קאפלימענטן זיך געמאכט –
און פונם טאג – אפגעלאכט.)

נאר פארטאג –
אוי – א קלאג!
האט זיך א סיבה געמאכט:
די נאכט,
פאר שכורט פון מאכט,
געווארן איז נעבעך אפגעשוואכט,
און – נישט לאנג געטראכט –
האט זי אפגעשטעקט די מאכט –
אן ווידערשטאנד –
דעם טאג אין האנט!...

צווישן אותיות

אײנמאל, אין א זומער־טאג
האט א געװעזענע "פ"
א זאג
געטאן צו די "פען" אין סידור:
־ברידער,
קאמעראדן!
איך האב דעם כבוד
אײַך אײַנצולאדן
אויף א גלעזעלע וויין,
און לאמיר זיך אלע
משמח זײַן –
ווײַל ס'איז מיט מיר
א נס געשען:
איר האט מסתמא
אליין דערזען,
אז כ'בין שוין איצט
ניט מער קיין"פ"
נאר א גאנצע "פ";
ווי בײַ אײַך אלע
די זעלבע מעלה!

־גיי שוין, גיי,
דו, פאסקודנעטע "פ" –
געטפערט האט איר
מיט חוזק, א "פּ" –
אויב דײַן חן־פּינטל
שאפט דיר פארגעניגן,
מעג עס שוין אייביק
אויף דײַן פרצוף ליגן.
נאר, אז אך און ווײ
איז צו דער "פ",
וואס ווערט א "פּ"
א דאנק די פליגן...

טייטש-ווערטער און דערקלערונגען

לעתיד-לבוא — אין דער צוקונפט. משיח'ס צייטן.
שויתי — אויפן עמוד אין שול איז אנגעשריבן:
"שויתי ה' לנגדי תמיד" — גאט איז אלעמאל קעגן־
איבער מיר.
כמה לבושין — גאט איז פאראן אין יעדער זאך, נאר
ער איז פארהוילן פונם מענטשלעך אויג, ווי ער זאל
זיין איינגעהילט אין א קלייד.
אחדות השם — דער גלויבן אז עס איז פאראן בלויז
איין גאט. מאנאטעאיזם.
סגי-נהור — פיל ליכט. אין אן אומגעקערטן זין,
איראניש, רופט מען א בלינדן "סגי-נהור".
טרקלין — פאלאץ. יענע וועלט.
מבקש — פילאסאף.
בתמורה — ווען מען שטעלט איבער די אותיות פון
א ווארט. למשל, פון "ישמח" מאכט מען "משיח",
אזוי אויך פון "חכמה" - "כח־מה".
מגלה טפח ומכסה טפחים — אנטפלעקט אביסל און
פארהוילט אסך.
שלשלת — א טאן אינם טראפ אין דער תורה.
מדאוריתא — פון דער תורה.
תג — די קרוינען אויף די אותיות אין דער תורה.
בחירה — דער אויסוואל צווישן גוטס און שלעכטס
איז געווענדט אין דעם מענטשן אליין.
כף-הקל — דער שליידער. איינע פון די פיינונגען
אין גיהנום.
שבילי דשמיא — די הימלשע וועגן.
בני־עליה — אויסגעצייכנטע מענטשן.
מסית — דער אויפעצער. יצר הרע.
שטר־מכירה — א קאנטראקט, ווען מ'פארקויפט
א זאך.
בני־קדם — מענטשן פון די פריערדיקע דורות.
בורא מאורי — וואס האט באשאפן די ליכטער, די
זון און די לבנה. אין מערצאל.
הדק היטב — ביים מאכן די קטורה האט מען
געזאגט "הדק היטב": צרייב עס גוט.
פחד ופחת ופח — גרויל, א גרוב און א נעץ.
א ווארטשפיל אין ישעיה.
גבורות — טיפע עלטער.
לבושים חיצונים — אטריבוטן. מענטשלעכע
איינגנשאפטן.

בה"ב – מאנטאג, דאנערשטאג און מאנטאג.
סובבים און ת"ת – די ערשטע אותיות פון די סדרות: שמות, וארא, בא, בשלח, יתרו, משפטים, תרומה, תצוה, אין וועלכע פרומע אידן פאסטן מאנטאג און דאנערשטאג.
שהכל – די ברכה וואס מען מאכט איבער וואסער און איבער נאך איניקע שפייזן.
שמיטה־יאר – אינם שמיטה יאר ווערן בטל אלע חובות וואס איין יחיד קומט דעם אנדערן.
המאבד עצמו לדעת – זיך נעמען דאס לעבן. דא מיינט עס: פארדינט זיך דעם טויט.
יהי רצון – זאל זיין דער ווילן. אין דעם פאל: זאל זיין דער ווילן פון גאט, אז דער וואס גרויסט זיך מיט זיין לערנען, זאל אנהויבן לערנען לשמה, פון לערנען וועגן.
שלוש מחיצות – דריי אפטיילונגן, איידער דער מענטש שטעל זיך פאר גאט.
שלוש פסיעות – דריי שפאן אויף צוריק, אלס דרך ארץ, אפשיי פאר גאט.
קו לקו – א שנור צו א נור. צו לצו – א געבאט צו א געבאט.
שדרה – רוקן ביין.
לאו – פארבאט.
חומרות – שווערקייטן.
הגבלות – באגרעניצאונגען, באשריינקונגען.
התחייבותן – פארפליכטונגען.
חשש – אומצוטרוי.
תביעות – פאדערונגען, פארלאנגען.
סגופים – פיינונגען.
נכנע – אונטערטעניק.
תרפים – הילצערנע געצן.
מעשי נערות – קינדערישע שטיק.
דקדוקי המצות – דאס גענויאיקייט פון אפהיטן די מצות, מיט אלע איינצעלהייטן.
צמצום – צוזאמענגעשרומפן. אין דעם פאל א פילאסאפישער טערמין, אז גאט האט זיך צוזאמענגעשרומפן און דורך צמצום באשאפן די וועלט. ווען נים דער צמצום וואלט די וועלט נים געקאנט עקזעסטירן. דער מענטש וואלט די גרויסע געטליכע ליכט נים געקאנט איבערטראגן.
אמן – די ערשטע אותיות פון "אני מוסר נפשי". זעלבסט אפערונג.

אינהאלט

שבת-קודש

קבלת שבת אין צפת ------------------------ 1
שויתי ד' ------------------------ 3
פון פיין ------------------------ 5
אין שליחות ------------------------ 6
זאג ניט ------------------------ 7
איך שטייגן ------------------------ 8
אנדרש איך יצדק ------------------------ 9
איך וואלט דאך ------------------------ 10
זאג ניט ------------------------ 11
עבודת הלב ------------------------ 12
דאס ליד פון פדיון שבויים ---------- 13
אויפן וואנדער־וועג
די ערגסטע תפיסה ------------------------ 14
א באגעגעניש מיט א פאסטוך ---------- 15
וואס איז אזוינס צייט? ---------- 16
דאס ליד פון די פיר מבקשים ---------- 18
אנטפלעקונג (סאנעטן-רינג) ---------- 21
אין א שווערער שעה ------------------------ 31
טויב איז דיין הארץ געווען ---------- 33
קידוש־השם ------------------------ 35
אין הרהורי תשובה ------------------------ 36
אויף דעם ווייטן דאס הארץ ---------- 38
גאטס היטער ------------------------ 39
ווייס איך... ------------------------ 40
דעם טאטנס חלק ------------------------ 41
דמאי ־ וואס איז עס? ---------- 43
א געבעט ------------------------ 45
פאר גאנץ ישראל ------------------------ 47
אליין ------------------------ 49
מתן־תורה (פאעמע) ------------------------ 50
קריסעלע ------------------------ 68
המבדיל... ------------------------ 70
לידער־רעזומע: ------------------------ 71

וואך

פונקן אין אש ---------- 73
אפגעמעקט ---------- 74
נישט אן א פארדראס ---------- 75
אויף מיין געוויסן ---------- 76
מיין ארט
זיך נאכגעפרעגט ---------- 77
כים אחד...
צער
איך וואלט וועלן ---------- 78
חרטה ---------- 79
מיין אוצר
מיין טרייסט ---------- 80
מסחרים
דאס שיסעלע רייז ---------- 81
ממעמקים ---------- 82
מיין נשמה ---------- 83
א שנים... א גלעט... ----------
אלע פארטיפט ---------- 84
שפילעכלעך
פארטאג ---------- 85
איצט ווייס איך
פארגיטיקונג ---------- 86
נישט מקנא...
אויפן עולם האמת ---------- 87
בין־השמשות
דאס ווארט ---------- 88
בין גרייט
וויין און ווייב ---------- 89
"אלף" און "תיו" ---------- 90
א מעשה מיט מן ---------- 92
אין טאג פון דין ---------- 94
דאס פעקל... ---------- 97
פאר איך - פאר מיר ---------- 101
דער פלייסיקער
דערקען... ---------- 102
פון בן־סירא ---------- 103
די טענה
דער מענטש ---------- 104
ארבעטער און לערער ---------- 105
די חכמה ---------- 107

שיר היחוד (סאנעטן-רינג) ---------- 109
די לערע פון די לאמעס ---------- 118
פון די שהיה-קינג ---------- 120
פון די טאהא-טע קינג ---------- 121

פאבלן

די מאלפע ---------- 125
רייך אין קוימען ---------- 127
דער דיכטער און דער בלינדער ---------- 128
שווארץ און ווייס... ---------- 129
דאס רייט-פערד ---------- 131
דער בער און די פליג ---------- 133
די שווערד און די שייד ---------- 135
דאס קונסט-בילד און די שמאטע ---------- 136
אין וואלד ---------- 137
צווישן לידער ---------- 139
צווישן פיש ---------- 142
צווישן פייגל... ---------- 144
שניי-ווייס פאפיר ---------- 146
סיגנאל-ליכטער ---------- 148
א מעשה מיט א בער ---------- 150
דער העלדישער בער ---------- 152
צווישן ווייזער ---------- 154
מאכט ---------- 157
צווישן אותיות ---------- 158
טייטש-ווערטער און דערקלערונגען ---------- 159